בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

סעודה שלישית פרשת

## החודש תש"ט

**• התנוצצות הגאולה הותחל מתחילת החודש • דרך הצדיקים להסתיר שלא ידעו עד היכן מגיעים בעבודתם • הטעם שלא גילה משה לפרעה "באיזו לילה" תהיה מכת בכורות • הנס דשבת הגדול היה בזכות קיום המצוה במסירות נפש • טעם השבועה שלא יגלו את הקץ • מה שנגאלו בניסן הוא הסיבה שנעשה ראש לחדשים • אף שידעו זמן ארבע מאות שנה במצרים, ושבעים שנה בבבל, לא ידעו איך לחשוב החשבון עד שבא זמן הגאולה • גם הגאולה העתידה תהיה בניסן •**

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק



KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 98**


## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **החודש תשי״ט**

דרוקט: **16→6→1119→#** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(36 מינוט) **אביסל קלאָר**

★★★☆☆

---

## • זכות הקונטרס נתנדב •

לעילו נשמתו הטהורה של קדוש ישרא״ל ותפארתו, משיירי כנסת הגדולה, עובד ה׳ מנעוריו, אשר עורר והשפיע טהרה בכרם בית ישראל, גָדַר גֶדֶר ועמד בפרץ נגד פגעי הזמן, אוהבן ולבן של ישראל ועמוד צלותהון, עבודתו הק׳ השפיע לקרב לבבות בני ישראל, ויהי כנגן המנגן ותהי עליו רוח אלקים, פאר הדור והדרו

כ״ק הרה״ק רבי **ישראל אברהם** בן הרה״ק רבי **אליעזר זוסיא** זצוק״ל

**אדמו״ר מסקולען**

יצאה נשמתו בטהרה ביום כ״ה אדר ב׳ תשע״ט לפ״ק

**תנצב״ה**

**ואמרנו להעתיק מדבריו הקדושים בענין חידושי תורה של רביה״ק זי״ע, ממה שהיה רגיל לאמרם הרבה פעמים בסעודת יום השבת קודש, לאחר הזמירות של ״אסדר לסעודתא״. כפי שנרשם ע״י באי ביתו ושומעי לקחו:**

אין דעם ענין פון זאָגן דברי תורה, איז דאָ צוויי בחינות: איין בחינה איז אַז מ׳קוקט זיך קודם פאָר, מ׳גרייט זיך צו וואָס צו זאָגן, און דערנאָך זאָגט מען און מ׳גיט איבער די חידושי תורה. אָבער עס דאָ אַ גרעסערע מדריגה פון דעם, אַז מ׳זאָגט דברי תורה וואָס מ׳האָט זיך אינגאַנצן נישט צוגעגרייט פון פריער, נאָר מ׳איז מגלה מן השמים סתרי תורה, און די תורה זאָגט זיך פון זיך אַליינס.

מיט דעם קען אפשר זיין דער פשט אין דעם וואָס מ׳זאָגט ביי די זמירות: קֳדָם רִבּוֹן עָלְמִין בְּמִלִּין סְתִימִין תְּגַלּוֹן פִּתְגָמִין וְתֵימְרוּן חִדּוּשָׁא. אויב איינער ווייסט אַז ער געפינט זיך שטענדיג קֳדָם רִבּוֹן עָלְמִין, און ביי אַלע ענינים לעבט ער שטענדיג מיט דעם אַז ער שטייט פאַר׳ן הייליגן באַשעפער, אפילו בְּמִלִּין סְתִימִין, דאָס הייסט אַז ער איז אַ ירא שמים אויך בסתר, דעמאָלט בְּמִלִּין סְתִימִין תְּגַלּוֹן פִּתְגָמִין, די סתרי תורה ווערט נתגלה פאַר אים בשעת׳ן זאָגן דברי תורה, וְתֵימְרוּן חִדּוּשָׁא, די חידושי תורה זאָגט זיך פון זיך אַליינס, אומצוגעגרייט.

**אָט די בחינה האָט מען געזען ביים סאַטמאַרער רבי׳ן זכר צדיק לברכה,** ווי ער פלעגט זאָגן דברי תורה אָן דעם וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט פריער, די חידושי תורה זענען נתגלה געוואָרן בשעת׳ן זאָגן די תורה, און זיך אַרויסגעזאָגט פון זיך אַליינס. אַסאַך מאָל האָט אים איינער פאָרגעזאָגט אַ מדרש, און אויף דעם מדרש האָט ער געזאָגט און מחדש געווען חידושים.

מען האָט געזען ווי עס איז געווען ״שכינה מדברת מתוך גרונו״, די תורה איז געווען תורה מן השמים און ס׳האָט זיך געזאָגט אָן קיין הכנה פון פאַר דעם. - עכל״ק.


KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת החודש

א

**וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר. הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה. [דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת].**

במכילתא: צא ואמור להם ״מיד״

אין **מכילתא** שטייט, **וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר**, [צא ואמור אליהם] **מִיַּד**.

ב

קושיא א

ויש להבין מה צורך להודיע שיאמר ״מיד״, הלא בלאו הכי זריזין מקדימין למצות, ומה היה הסברא לחשוב שלא לומר תיכף בראש חודש ניסן

א) לכאורה וואָס דערציילט ער מיר עפּעס ״מִיַּד״, מילא דאָס איז מובן מאליו [שצריך לומר הדיבור לישראל תיכף, כי הלא] ביי אַלעם איז **זריזין מקדימין למצות** (פסחים ד.), דאָ איז דאָך געווען [הציווי על משה ואהרן] זיי זאָלן לערנען מיט אַלע, ס׳שטייט דאָך אַרויס [דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר] מ׳זאָל מיט אידן לערנען די מצוה.

ג

ועוד כי אליבא דאמת היה ראוי לְלַמֵּד לישראל דיני פסח עוד קודם ר״ח ניסן, דשואלין ודורשין שלשים יום קודם החג

[ואליבא דאמת] מ׳האָט געקאָנט לערנען אפילו פריער [קודם ראש חודש ניסן], אונז פסק׳ן מיר דאָך גאָר [כתנא קמא דרבי שמעון בן גמליאל] (שם ו.) **שואלים ודורשים** [בהלכות החג] גאָר ״**שלשים יום**״ **קודם החג**, און דעמאָלטס [בראש חודש] איז נאָר געווען ״צוויי וואָכן״ [קודם הפסח, ואם כן] פאַרוואָס זאָל נישט זיין ״מיד״ [עד שהוצרך לצוות לו בפירוש לומר זאת לישראל ״מיד״].

ד

ומה גם כי זה היתה מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל ע״י משה, ומן הראוי שלא לְאַחֵר מלומר הציווי לישראל

איבערהויפּט [שזו] מצוה ראשונה שנצטוו ישראל, [וכלשון רש״י ר״פ בראשית] **לא היה צריך להתחיל** [התורה] **אלא מהחודש הזה לכם שהוא מצוה ראשונה** [שנצטוו בה ישראל][א], ס׳איז די ערשטע מצוה וואָס מ׳האָט געלערנט מיט ׳אידן׳, זיי זענען דאָך געווען ביז דעמאָלטס האָבן זיי נישט געהאַט נאָר מצות בני נח ... האָב מען געהאַט די ערשטע מצוה וואָס מ׳האָט זיי געגעבן דורך משה ואהרן מפי הקדוש ברוך הוא, פאַרוואָס זאָל מען דאָס נישט לערנען תיכף, פאַרוואָס זאָל מען מתעצל זיין חלילה אין מצות ה׳ ברוך הוא[ב].

---

[א] וכן כתב ברמב״ן כאן (בא יב, ב): הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, זו מצוה ראשונה שצוה הקב״ה את ישראל ׳על ידי משה׳, ולכן אמר בארץ מצרים, כי שאר מצות שבתורה היו בהר סיני.

[ב] נראה דכוונת בא רבינו בזה לשלול תירוץ **המרכבת המשנה** שכתב וז״ל: ופשטיה דעניניה [של לאמר ״מיד״], הואיל והיא מצוה ראשונה שנצטוו עליו ישראל, (זירוז) [זירזן] השי״ת בל יאחר הדיבור, ומינה למד לכל המצות וכו׳, עכ״ל. ועל זה מקשה רבינו כי אדרבה במצוה הראשונה, טפי אין צורך להשמיענו זאת.

KolSatmar.com

ה
**קושיא ב**
גם יש להבין האיך נדרש זאת מהפסוק שיאמר להם "מיד"

**ב) און וואו שטייט דאָס** [נרמז בהפסוק, שיאמר זאת] **"מיד".**

ו
ובמרכבת המשנה מפרש, משום דלאמר הראשון מיותר,
שכבר נאמר אח"כ דברו אל כל עדת ישראל "לאמר"

**ער וויל זאָגן דער מרכבת המשנה** (שעל המכילתא)[ג] [שזה נדרש] **פונעם 'איבריגן' לֵאמֹר, ווייל ס'שטייט דאָך ווייטער "דַּבְּרוּ" אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל** ["לֵאמֹר"] **בֶּעָשׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת, איז איבעריג דער** [ערשטער] **"לֵאמֹר"** [בפסוק וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם "לֵאמֹר"].

אמנם לכאורה אין זה מיותר, דהא בפסוק ראשון מיירי במצוה אחרת מבפסוק השני

[אמנם] **לכאורה** [אין זה מיותר, שהרי פסוק השני] **דער דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל שטייט** [אויף] **וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת, ביים** [מצות] **"קרבן פסח".** [והפסוק הראשון] **'דאָס' איז דאָך אַן 'אַנדערע' מצוה** [של "קידוש החודש"], **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים דאָס איז דאָך אַ מצוה פון "קידוש החודש",** [און] **וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית אָבֹת איז די מצוה פון "קרבן פסח", צום סוף שטייט דער דַּבְּרוּ** [אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר, אצל מצות קרבן פסח], **ס'שטייט נישט דַּבְּרוּ** [אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם וגו',** [ואם כן עכ"פ הלאמר אינו מיותר].

ז
והגם שיש לומר דעכ"ז הלאמר דפסוק ראשון מיותר, שהרי מצות קידוש החודש הוא דבר המסור
לבית דין ולא לכל ישראל, ולמה נאמר שם לֵאמֹר אם לא להשמיענו שיאמר כל הפרשה "מיד"

**הגם קידוש החודש** [איז] **לבית דין מְסוּרָה** (ביצה ה:), **דאָס האָט מען נאָר פאַר 'זיי'** [משה ואהרן] **איבערגעגעבן, דאָס האָט מען נישט געדאַרפט צו זאָגן פאַר 'אידן'** [ובזה פירשו למה לא נאמר "דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל" עוד בפסוק הראשון[ד], ואם כן גם לֵאמֹר אינו נצרך לקידוש החודש, ושפיר מיותר הוא].

אבל גם זה אינו מוכרח, דהלא שפיר הוצרך לומר גם מצוה זו לישראל,
כדי שידעו לְהָעִיד על קידוש החודש, שהרי העדים הם מכל ישראל ולא מבית דין

**אָבער דעסטוועגן, אידן ברויכן אויך צו וויסן אויף "לדורות" אינאיינוועגס די הלכה** [של קידוש החודש], **מ'דאַרף דאָך עֵדוּת** [לקידוש החודש, מתוך בני ישראל, ולא מבית דין].

---

[ג] **במרכבת המשנה** (שעל המכילתא) כתב: הוקשה לו כפל מלת "לֵאמֹר" דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל "לֵאמֹר", והרי זה הכל היה אמירה אחת כדלקמן פרשה ג (סימן ב). ומטעם זה דרשו חז"ל בפסחים דף מ"א לאמר "לאו אמור" בהאי פרשה, ושיטת ברייתא דקמן דלא ללאו נאמר, וכחכמים בתורת כהנים פרשת אמור פ"ז, על כן דריש מלת לאמור לזירוז מיד.

[ד] **ברמב"ן** (בא יב, ב): והיה ראוי שיאמר תחלה "דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם" וגומר הפרשה, אבל משה ואהרן הם במקום ישראל, ואמר "לכם" כנגד ישראל לדורותם, וחזר ואמר "דַּבְּרוּ אֶל כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל", שיצום במצות שעה לקחת פסח מצרים מבעשור. - ולפי מדרשו (ראש השנה כה:) "לכם" לומר שקידוש החדש צריך בית דין מומחין, ולכך לא נאמר בתחלה "דברו אל כל עדת ישראל", שאין בקדוש החדש אלא משה ואהרן וכיוצא בהם.

KolSatmar.com

**ח**

ואפילו נדחוק שענין העדים לא היה נוהג עד מתן תורה, גם כן הוצרך לומר להם הפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, כדי שידעו למנות י"ד יום מר"ח עד חג הפסח

און [אפילו] אַז איך זאָל זאָגן אַז ס'האָט נישט נוהג געווען פון דעמאָלטס אָן ביז צו מתן תורה [שיהיה קידוש החודש ע"י שני עדים מישראל, אבל זאת גופא כין] דעמאָלטס אַליין איז דאָך "ראש חודש" [וידע למנות י"ד יום עד חג הפסח], איז דאָך אויך [נכלל במצוה הראשונה, וזה שפיר נוגע לכל ישראל][ה].

**ט**

ואפשר לדחוק עוד, כי כל ענין קביעות המועדים לדורות לא נמסר אז רק לבית דין (ולישראל נאמרה בפרשיות שלאחר מתן תורה), אבל מהיכי תיתי לדחוק ולומר כן, הלא יותר נכון לפרש ששפיר נצטוה לומר הכל לישראל, וא"כ הלֵאמֹר אינו מיותר

אפשר האָט מען נאָכנישט געגעבן [במצרים] די "מועדים" די מצוה פאַר'ן כלל ישראל [לדורות][ו], נאָר פאַר'ן בית דין פונעם קידוש החודש, הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

אָבער מהיכי תיתי [לדחוק ולומר כן], אפשר איז טאַקע טייטש "לֵאמֹר" מ'האָט אים געהייסן ער זאָל פאַר 'אידן' אויך שוין זאָגן, זיי זאָלן וויסן די מצוה [של קביעות ראשי חדשים ומועדים, ואם כן עכ"פ הלאמר שבפסוק ראשון אינו מיותר, ומהיכן דרשו שנצטווה להדיא לומר להם "מיד"].

**י**

**קושיא ג**

להבין כפל הענין בפסוק הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, שהרישא והסיפא הם לכאורה ענין אחד כפול

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.**

ג) ס'איז טאָפּלט [ענין הכתוב], צוויי מאָל, [שמתחיל] הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און ער זאָגט נאָכאַמאָל רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, [דלכאורה הרישא] הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים איז דאָך 'די זעלבע זאַך' וואָס רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, [שענין שניהם הוא] אַז דער חודש ניסן איז ראש לחדשים, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם איז אויך די זעלבע, [ונמצא] ס'איז אַ טאָפּלט לשון, ס'איז דאָך איבעריג [אחד מהם].

**יא**

**קושיא ד**

גם יש להבין שינוי הלשונות, שבהרישא מקדים "לָכֶם" ואח"כ רֹאשׁ חֳדָשִׁים, ובסיפא אמר רִאשׁוֹן הוּא ואח"כ "לָכֶם"

ד) דערנאָך איז דערין אַ חילוק [בשינוי הלשונות מהרישא לסיפא], ס'שטייט הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים", שטייט נישט החודש הזה "ראש חדשים הוא לכם", און דעם אַנדערן מאָל שטייט "רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם", שטייט נישט "לכם הוא ראשון" לחדשי השנה, [נאָר ס'שטייט] קודם דער "ראשון" און דערנאָך דער "לכם", און דאָ [בהרישא] שטייט [קודם] דער "לכם" און דערנאָכדעם "ראש חדשים". [ויש להבין טעם החילוק בזה מרישא לסיפא].

---

[ה] כמבואר ברמב"ן (שם): וטעם הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, שימנו אותו ישראל חודש "הראשון", וממנו ימנו כל החדשים "שני ושלישי", עד תשלום השנה בשנים עשר חודש, כדי שיהיה זה זכרון בנס הגדול, כי בכל עת שנזכיר החדשים יהיה הנס נזכר, ועל כן אין לחדשים שֵׁם בתורה, אלא יאמר בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי וכו'. (וע"ע לקמן בהערה יב).

[ו] שזה נאמר אחר כך לישראל לאחר מתן תורה, בפרשת משפטים, כי תשא, אמור, פנחס, וראה.

KolSatmar.com

## יב
## קושיא ה

במדרש: מיד גילו הצדיקים את ראשיהם שהיה מכוסה

**דער מדרש זאָגט**[ז]**, אין מדרש רבה** (בא טו, א), [וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וגו׳ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, הדא הוא דכתיב] (שיר השירים ב, ח) **קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא** [מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת], **זיי האָבן געזאָגט** [ישראל לפני הקב״ה, רבון העולמים] **ת׳ שנה אָמַרְתָּ** [להשתעבד] **ועדיין לא שָׁלְמוּ, האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט** - [כמו שדרשו[ח] מלשון הפסוק] **מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת, ער קוקט נישט אויפן זמן,** [וכן דרשו[ט] מלשון הָרִים וּגְבָעוֹת] **מ׳לייזט ענק אויס בזכות אבות** [ואמהות], **- האָט ער געזאָגט כבר שָׁלְמוּ,** [שנאמר] **כִּי הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר** (שם, יא).

**ס׳איז דאָך דאָ דיעות**[י] **אַז מ׳רעכנט** [חשבון הת׳ שנה] **משנולד יצחק**[יא].

---

[ז] **במדרש רבה** (בא טו, א): וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וגו׳ הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, הדא הוא דכתיב קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא וכו׳ קוּמִי לָךְ רַעְיָתִי יָפָתִי וּלְכִי לָךְ, ׳אמר׳ לפניו רבון העולמים ת׳ שנה אמרת לנו להשתעבד ועדיין לא שלמו אמר ליה כבר שלמו, שנאמר כִּי הִנֵּה הַסְּתָו עָבָר. מיד גלו הצדיקים את ראשיהם שהיה מכוסה, שנאמר (שם) הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ, אלו הן שבטו של לוי שהיו צדיקים כולן וכו׳.

[ח] **במדרש רבה** (שיר השירים ב, כא): רבי יהודה אומר קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא זה משה, בשעה שבא ואמר לישראל בחדש זה אתם נגאלין, ׳אמרו׳ לו, משה רבינו היאך אנו נגאלין, והלא אמר הקב״ה לאברהם (לך טו, יג) וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, ועדיין אין בידינו אלא מאתים ועשר שנה, אמר להם הואיל והוא חפץ בגאולתכם אינו מביט בחשבונותיכם, אלא מדלג על ההרים, אין הרים וגבעות האמורין כאן אלא קִצִּים ועיבורין, מדלג על החשבונות ועל הקצים ועיבורין, ובחדש הזה אתם נגאלין, שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים. - (וכן הוא בפסיקתא רבתי פט״ו, ובפסיקתא דר״כ פ״ה, ז).

[ט] **במדרש רבה** (שם, ד): דבר אחר וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן, הדא הוא דכתיב קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא וכו׳, אמר ר׳ יהודה מהו מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים, אמר הקדוש ברוך הוא אם אני מסתכל במעשיהם של ישראל אינן נגאלים לעולם, אלא למי אני מסתכל, לאבותיהם הקדושים, שנאמר (וארא ו, ה) וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳, בזכות אבותם אני גואלם, לכך כתיב מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים ואין הרים אלא אבות שנאמר (מיכה ו, ב) שִׁמְעוּ הָרִים אֶת רִיב ה׳.

ועיין **בגמרא ראש השנה** (יא.): רבי אליעזר אומר מנין שבתשרי נולדו אבות, שנאמר (מלכים א׳ ח, ב) וַיִּקָּהֲלוּ אֶל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה כָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל בְּיֶרַח ״הָאֵתָנִים״ בֶּחָג, ירח שנולדו בו ״איתני עולם״. מאי משמע דהאי ״איתן״ לישנא דתקיפי הוא, כדכתיב (בלק כד, כא) אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ, ואומר שִׁמְעוּ ״הָרִים״ אֶת רִיב ה׳ ״וְהָאֵתָנִים״ מֹסְדֵי אָרֶץ. ואומר קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת, מְדַלֵּג עַל ״הֶהָרִים״ בזכות אבות, מקפץ על ״הגבעות״ בזכות אמהות.

**ובמדרש תהלים** (מזמור יח): אמר רבי שמואל, לפי שהיה הקב״ה מְפַתֶּה את משה כל שבעת ימי הסנה שילך בשליחותו וכו, בשביעי אמר לו (שמות ד, יג) שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח, והיה מסרב ואמר להקב״ה, רבון העולם כבר חשבתי מה שאמרת לאברהם אבינו בין הבתרים וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, ועדיין לא נשלמו, ולא עשו שם אלא מאתים ועשר. אמר לו הקב״ה, לא כמו שאתה מחשב לעצמך, שמיום שנולד יצחק הקדמתי להם הקץ ודלגתי אותו. וכן אומר, מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים וגו׳, וכבר נשלם.

[י] עיין להלן אות מח, שהזכיר רבינו קצת מדיעות הראשונים שבזה. ועיין בהערה שאחר זה מדברי הפרקי דרבי אליעזר, מדיעות התנאים שבזה. ויש בזה עוד דיעות ואכמ״ל.

[יא] עיין בלשון מדרש תהלים דלעיל.

ועיין **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק מח): רבי אלעזר בן עזריה אומר לא יָשְׁבוּ ישראל במצרים אלא מאתים ועשר שנים וכו׳, וכאן הוא אומר וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה. - אמר לו רבי אלעזר בן ערך לא אמר לו הקב״ה לאברהם אלא משעה שהיה לו זרע, שנאמר כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם, וכתיב כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע, ומשנולד יצחק עד שיצאו ישראל ממצרים ארבע מאות שנה וכו׳. - אמר לו רבן יוחנן בן זכאי והלא כתיב (בא יב, מ) וּמוֹשַׁב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בְּמִצְרָיִם שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, אמר לו מאתים ועשר ישבו ישראל במצרים, וחמש שנים עד שלא בא יעקב למצרים נולדו לו שני שבטים ליוסף מנשה ואפרים, והם מן השבטים, שנאמר אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי, הרי מאתים וחמש עשרה שנה ימים ולילות, הרי ארבע מאות ושלשים שנה. שדילג הקב״ה את הקץ בזכות אבות שלשה שהם עמודי עולם ובזכות אמהות שהם גבעות עולם ועליהם הכתוב אומר קוֹל דּוֹדִי הִנֵּה זֶה בָּא מְדַלֵּג עַל הֶהָרִים מְקַפֵּץ עַל הַגְּבָעוֹת.

KolSatmar.com

מִיַּד - זאָגט דער מדרש, - דערנאָך ווי ער האָט געזאָגט כבר שלמו, זאָגט דער מדרש מיד גילו הצדיקים את ראשיהם שהיה מכוסה, שנאמר (שם, יב) הַנִּצָּנִים נִרְאוּ בָאָרֶץ.

אַזוי שטייט אין מדרש רבה.

**יג**

ואינו מובן הכוונה, מהו ענין "ראשיהם" שהיה מכוסה

ה) ס'איז עפּעס אַ פּלא, וואָס עפּעס "ראשיהם" זענען געווען "מכוסה" פריער, און היצט האָבן זיי מגלה געווען "את ראשיהם". ס'איז אַ פּלא [לשון זה, וצ"ב הכוונה].

**יד**

# ישוב הקושיות

## הקדמה לישוב קושיא ג

הסיבה מה שחודש ניסן הוא ראשון לחדשים, הוא עבור שהוא החודש שבו נגאלו ישראל ממצרים

נאָר וואָס'זשע דען. דאָס ענין פאַרוואָס 'דער' חודש [ניסן] איז **ראֹשׁ חֳדָשִׁים** [הוא עבור שהוא החודש שבו נגאלו ישראל ממצרים].

[ווי] ער דער **רמב"ן** זאָגט[יב] - [און] ס'איז נאָך לעולם מבואר אין **מדרש** אַליין (כדלהלן בסמוך) - אַז דאָס איז דער טעם טאַקע, 'ווייל' ס'איז אַ חודש הגאולה, ווייל אידן זענען נגאלו, איבערדעם האָט עס זוכה געווען צו זיין דער "ראש".

ס'איז דאָ אַ **מדרש**[יג] אַז מ'האָט געציילט אייביג [עד יציאת מצרים] צו די חורבנות און די צרות, היצטערט ציילט מען צו דער גאולה, חדשי הגאולה.

[נאָר] דער **רמב"ן** גיט צו פאַרשטיין נאָך, [דהטעם בזה הוא] אַז מ'זאָל געדענקען די גאולה, איבערדעם האַלט מען דאָס פאַר'ן "ערשטן" חודש, דאָס אַליין איז טאַקע דער טעם אַז דעס איז ראש חדשים [כדי שיהיה בזה זכרון לגאולתינו].

---

[יב] **ברמב"ן** (שם): וכמו שתהיה **הזכירה ביום השבת**, במנותינו ממנו "אחד" בשבת, "ושני" בשבת, כאשר אפרש (ברמב"ן יתרו כ, ח), **כך הזכירה ביציאת מצרים** במנותינו החודש "הראשון" והחדש "השני והשלישי" לגאולתינו, שאין המנין הזה לשנה, שהרי תחלת שנותינו מתשרי, דכתיב (תשא לד כב) וְחַג הָאָסִיף תְּקוּפַת הַשָּׁנָה, וכתיב (משפטים כג טז) בְּצֵאת הַשָּׁנָה, אם כן כשנקרא לחדש ניסן "ראשון" ולתשרי "שביעי", פתרונו **ראשון לגאולה**, ושביעי אליה. וזה טעם **רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם**, שאיננו ראשון בשנה, אבל הוא ראשון לכם, שנקרא לו לזכרון גאולתינו. (וע"ע לעיל בהערה ה).

[יג] **במדרש רבה** (בא טו, ט): הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, משל למלך שנולד לו בן ועשה יום טוב [ועשה בכל שנה יום שמחה ללידת בנו], ונשבה אותו הבן ועשה שם זמן מרובה [ועשה בכל שנה יום אֵבֶל], אחר זמן נפדה אותו הבן ועשה לו המלך יום גנוסיא [ועשה בכל שנה יום שמחה ביום פדיונו ולא ביום לידתו]. כך עד שלא ירדו ישראל למצרים היו מונין לשעבוד [היינו יום שנולד יצחק, ולפירוש מהרז"ו מיום בריאת העולם], משירדו ונשתעבדו שם עשה להם הקב"ה נסים ונפדו, התחילו מונין לחדשים [מחודש הגאולה], שנאמר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

ועיין עוד **בירושלמי** (ראש השנה דף א:): בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (שמות יט, א), מיכן שמונין חדשים ליציאת מצרים. אין לי אלא חדשים, שנים מנין, וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְמִדְבַּר סִינַי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית (במדבר ט, א). אין לי אלא לשעה, לדורות מנין, וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם (מלכים א' ו, א). - משנבנה הבית התחילו מונין לבנינו, וַיְהִי מִקֵּץ עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת שְׁנֵי הבתים (דברי הימים ב' ח, א). לא זכו למנות לבנינו, התחילו מונין לחרבנו, בְּעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה לְגָלוּתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ (יחזקאל מ, א). לא זכו למנות לעצמו, התחילו מונין למלוכות, שנאמר בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְדָרְיָוֶשׁ (חגי א, א) בִּשְׁנַת שָׁלוֹשׁ לְכוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס (דניאל י, א), ואומר (דברי הימים ב' ג, ב) וַיָּחֶל לִבְנוֹת בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשֵּׁנִי בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְמַלְכוּתוֹ. הקיש שנת אַרְבַּע לְמַלְכוּתוֹ לשֵׁנִי שבחדשים, מה שֵׁנִי שבחדשים אין מונין אלא מניסן, אף שֵׁנִי שבִשְׁנַת אַרְבַּע לְמַלְכוּתוֹ אין מונין אלא מניסן.

### טו

אין **מדרש**[יד] שטייט אויף אַזאַ גאַטונג, רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, אַז ס'איז אַ "ראשון", ס'איז אייביג אַ "חודש הגאולה".
אַזוי שטייט אין מדרש אויבעט.

### טז
### ישוב קושיא ג
(עד אחר אות כג)

היצט לאָמיר זען.

וואָס איז דער טאָפּלטע לשון (קושיא ג), קאָן מען פשוט זאָגן. [על פי וואָס] **די גמרא** זאָגט דאָך (ראש השנה יא.) **בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל.** (המשך נקודה זו באות ל)

### יז
**בגמרא:** דלעתיד לבא תהיה הזכרת יציאת מצרים טפל (וי"א בטל לגמרי), נגד הזכרת הגאולה העתידה

[ונקדים דהנה] **די גמרא** זאָגט דאָך (ברכות יב:), ס'איז דאָ דיעות גאָר אַז ס'וועט בטל ווערן [הזכרת] יציאת מצרים אינגאַנצן, ביי דער גאולה העתידה, [שנאמר] (ירמי' כג, ז) **ולא יאמרו עוד אשר העלוך מארץ מצרים נאָר אשר העלוך משאר ארצות**, דעמאָלטס ביי די לעצטע גאולה וועט זיין אַ העכערע זאַך ווי יציאת מצרים, אויף אַ העכערע בחינה.

– איך וועל באַלד (באות כה) נאָכזאָגן וואָס ס'שטייט אין זוהר הקדוש דערויף. –

### יח
ולפי זה לכאורה אם המצוה שניסן הוא ראש לחדשים תלוי בגאולת מצרים, אם כן אם לעתיד תהיה הגאולה בחודש אחר אז יהיה החודש ההוא ראש לחדשים, ולכאורה איך תהא מצוה זו מצוה נצחית

ממילא די תורה הקדושה איז דאָך אַ נצחיות [וכל מצות שייכים גם אחר גאולה העתידה].

[וכאן נאמר המצוה] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם "רֹאשׁ חֳדָשִׁים"**, [שניסן יהא החודש "הראשון", והטעם הוא] פאַרוואָס, ווייל ס'איז חדשי הגאולה [שבו נגאלו ממצרים, וכמו שכתב הרמב"ן].

נו [לכאורה] לעתיד וועט דאָך פאַרגעסן ווערן [יציאת מצרים].

מילא [לויט] יענע דיעה (בגמרא ברכות שם) וואָס ער זאָגט אַז ס'וועט גאָרנישט זיין [הזכרת] יציאת מצרים [לעתיד, לפי זה בודאי יקשה כדלהלן]. נאָר אפילו די וואָס זיי זאָגן יאָ אַז מַזְכִּירִין יְצִיאַת מִצְרַיִם [אפילו] לעתיד, [שנאמר] **כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** (דברים טז, ג) מיינט צו זאָגן **לְהָבִיא יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ** (משנה ברכות שם), שטייט דאָך (בגמרא שם) וועט עס זיין אַ 'טפילה', **לא שתעקר יציאת מצרים לימות המשיח, אלא שתהא טפילה**, ס'וועט זיין אַ טפל. מילא [גם לדבריהם] איז דאָך עס [יציאת מצרים] נאָר אַ טפל, דער עיקר איז די 'אַנדערע גאולה' [דלעתיד].

[ולפי זה קשה], נו אַז די 'אַנדערע גאולה' וועט זיין אין אַן 'אַנדערן חודש', און אַז מ'מאַכט דעם חודש הגאולה [ניסן] פאַר'ן "ערשטן" חודש, ממילא אַז די גאולה [העתידה] וועט זיין אין 'אַנדערן' חודש, וועט דאָך 'יענער' [חודש יהא צריך שיהיה "ראש"

---

[יד] **במדרש רבה** (שם, יא): הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם, הדא הוא דכתיב (תהלים לג, יב) אַשְׁרֵי הַגּוֹי אֲשֶׁר ה' אֱלֹקָיו. משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה שבו נגאלו ישראל ממצרים ובו עתידין ליגאל, שנאמר (מיכה ז, טו) כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת, ובו נולד יצחק ובו נעקד, ובו קבל יעקב את הברכות, ובו רָמַז להם לישראל שהוא ראש להם לתשועה שנאמר רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה.

KolSatmar.com

לחדשים, שהרי] דער עיקר וועט דאָך זיין 'יענע' גאולה [דלעתיד], **אַז ס'איז וועגן די גאולה** [שנעשה בזה החודש איז] **דעמאָלטס** [חודש הראשון, אם כן לעתיד] **וועט דאָך זיין 'יענע' גאולה דער עיקר און 'דעס'** [יציאת מצרים] **וועט דאָך זיין אַ "טפל", - אָדער ס'וועט 'בטל' ווערן, אָדער אַ 'טפל'** [כמו שנחלקו בזה בגמרא], - [און] **מ'קען דאָך נישט מאַכן פונעם "טפל" קיין "עיקר", קומט דאָך אויס אַז לעתיד וועט ברויכן זיין** [החודש הראשון בחודש האחר שבו תהיה הגאולה העתידה], **ווען ס'זאָל אין אַן 'אַנדערן חודש' זיין די גאולה** [העתידה] **ברויך 'יענער' חודש ווערן דער "ראש חדשים"** [לעתיד, ואם כן] **איז דאָך שוין נישט די "מצוה" קיין 'נצחיות'** [שהחודש "הזה" הוא ראש חדשים, שהרי] **דער חודש הגאולה** [דלעתיד] **וועט זיין ראש חדשים** [ולא חודש ניסן].

### יט

ולזה השמיעונו הכתוב דגם לעתיד יהיה ניסן ראש לחדשים, דבניסן גם עתידין להגאל

**זאָגט ער אָבער** [דער פסוק בהסיפא, אַז] **ניין,** [ווייל] **דער אמת איז בניסן נגאלו ובניסן "עתידין להגאל", דאָס וועט ווייטער זיין אין "ניסן"** [גם לעתיד, וממילא גם לעתיד יהיה נוהג מצוה זו שניסן יהיה החודש "הראשון"]. (עיקר המשך הדרוש בביאור הסיפא דקרא, באות כג)

### כ

וכמבואר במדרש דכל שאינו בחודש ניסן לא תאמינו שהוא גאולה

[ווי] **דער מדרש זאָגט**[טו] **טאָמער איז עס נישט אין ניסן, זאָלסט דו נישט גלייבן** [שהוא גאולה].

### כא

**ביאור המדרש דסימן זה יהא בידך, דהגאולה תהיה בניסן**

על פי מה שכבר ביארתי לתרץ קושיית הטורי אבן, דבמקום אחד אמרו דהאומר הריני נזיר ביום שבן דוד בא אסור לשתות יין בכל השנה, והרי שמשיח יכול לבא בכל יום, ובמקום אחר אמרו דבניסן עתידין להגאל

**איך האָב עס שוין אַמאָל מסביר געווען** [דברי המדרש אלו, על פי וואָס] **כ'האָב אַסאַך מאָל שוין געזאָגט** [לתרץ] **אויף דעם טורי אבן'ס קשיא** (בראש השנה יא.) [על הגמרא בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל, דמשמע דרק בניסן אפשר שתהיה הגאולה, ועל זה הקשה הטורי אבן] **ס'קאָן דאָך זיין 'יעדן טאָג' די גאולה** [גם בשאר חדשים, וכמו שאמרו] (עירובין מג.) **הנודר** [בנזירות] **ביום שבן דוד איז דאָך אסור לשתות יין** [כל השנה, והרי כי] **ס'קען דאָך זיין** [הגאולה בכל יום], **ס'איז סותר די גמרא** [שבעירובין לגמרא דראש השנה].

### כב

ותירצתי על פי דברי הנזר הקודש דיש זמן ועת וכוכב ומזל מיוחד המיועד להגאולה, ואם תהיה בזמן אחר, אזי הקב"ה יחליף את הזמנים והכוכבים על אותו זמן המיועד להגאולה. ולפי זה באיזה יום שתהיה הגאולה, יתחלף אז הזמן ומערכת השמים על חודש ניסן ועל ט"ו בניסן

**האָב איך דעמאָלטס פאַרענטפערט** [קושיית הטורי אבן] **מיטן נזר הקודש** (ב"ר צח, ו), **אַז הקדוש ברוך הוא איז מחליף הזמן. דער זמן** [הגאולה] **איז אַמאָל** [בודאי] **ווען די**

---

[טו] **במדרש רבה** (בא יח, ב) **על הפסוק לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה' לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה' שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם** (בא יב, מב): **מה ראה לומר לֵיל שִׁמֻּרִים, שבו עשה גדולה לצדיקים כשם שעשה לישראל במצרים, ובו הציל לחזקיהו, ובו הציל לחנניה וחביריו, ובו הציל לדניאל מגוב אריות, ובו משיח ואליהו מתגדלין, שנאמר** (ישעי' כא, יב) **אָמַר שֹׁמֵר אָתָה בֹקֶר וְגַם לָיְלָה. משל לאשה שהיתה מצפה לבעלה שפירש למדינת הים, אמר לה יהא סימן הזה בידך, בעת שתראי אותו סימן דעי שאני בא ואני קרוב לבא. כך ישראל מצפין משעמדה אדום, אמר הקב"ה הסימן הזה יהיה בידכם, ביום שעשיתי לכם תשועה ובאותו לילה, הֱיוּ יודעים שאני גואלכם, ואם לאו אל תאמינו, שלא קרבה העת, שנאמר** (ישעיה ס, כב) **אֲנִי ה' בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה, וכו'.**

KolSatmar.com

**גאולה האָט אַ זמן, נאָר הקדוש ברוך הוא 'שטעלט איבער' דעם זמן** [של ניסן בזמן אחר]. [ובכל יום שיבוא יתחלף הזמן] **ס'וועט ווערן ניסן, חודש האביב.**

[ובסתם שנים הוא כי] **אידן מאַכן עיבורים** [לעבר השנה כדי] **ס'זאָל אויסקומען דער אביב בזמנו,** [אָבער] **דעמאָלטס וועט עס דער בורא כל עולמים טון.**

[ובזה ביארתי גם דברי המדרש הנזכר, שהגאולה צריך שתהיה בליל ט"ו ניסן, שהוא על ידי חילוף הזמנים, שבכל עת שתהיה הגאולה יתהפכו המזלות והתקופות להזמן של ט"ו ניסן][טז].

## כג
### המשך ישוב קושיא ג

עכ"פ הן גאולת מצרים היתה בניסן, והן גאולה העתידה תהיה בניסן, ולזה כפל הכתוב לומר הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דזה קאי על גאולת מצרים דעבורה הוא ניסן עכשיו ראש לחדשים, ואח"כ אמר רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה, וזה קאי על גאולה העתידה דעבורה תהא ניסן הראשון לחדשים גם לעתיד

**על כל פנים יהיה איך שיהיה, שטייט בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, ניסן איז אַמאָל** [בכל אופן] **דער זמן הגאולה.**

**איבערדעם שטייט צוויי מאָל אין פסוק.**

---

[טז] רבינו קיצר בכאן, ועיין זה ביותר ביאור בסה"ג החודש תשי"ד וזלש"ק: כ'האָב שוין געזאָגט אַמאָל, ס'שטייט אין מדרש רבה, **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, בניסן איז דאָך עתידין להגאל (ר"ה יא.), אין חודש ניסן, זאָגט ער אַ משל, אַ מלך האָט זיך מתרחק געווען ער איז אַוועק פון די מטרונא, האָט ער איר אָנגעזאָגט אז מ'וועט דיר קומען זאָגן אז איך בין געקומען זאָלסטו נישט גלייבן, נאָר אַ סימן וועל איך דיר דאָ געבן, אז דו וועסט מיך זען וועסטו וויסן, ביז דערוויל זאָלסטו נישט גלייבן גאָרנישט. אַזוי האָט הקב"ה געזאָגט אַ סימן, **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, זאָלט עטץ וויסן די גאולה מוז נאָר זיין אין ניסן, אז מ'וועט דיר זאָגן אַן אַנדערס מאָל זאָלסטו נישט גלייבן וויבאַלד ס'איז נישט ניסן, אַז מ'וועט דיר זאָגן אַן אַנדערס מאָל אז ס'איז געקומען אַ גאולה זאָלסטו נישט גלייבן, ווייל ס'איז נישט ניסן, אַזוי שטייט אין מדרש.

כ'האָב שוין געזאָגט אַסאַך מאָל, דער פשט לכאורה איז דאָך זייער שווער.

כ'האָב שוין געזאָגט דעס וואָס דער **טורי אבן** (ר"ה יא:) **פלאָגט זיך**, אויף דעם וואָס ס'איז געשטאַנען דאָרט אַ פלוגתא אין די גמרא (שם) [רבי יהושע אומר] בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, און רבי אליעזר זאָגט בתשרי, ס'איז רבי אליעזר מיט רבי יהושע'ן, בתשרי אָדער בניסן, און די גמרא (עירובין מג.) זאָגט דאָך [אם אמר] הריני נזיר ביום שבן דוד בא, טאָר מען קיינמאָל נישט [טרינקען וויין], טאָמער איז ער היינט געקומען אין בית דין הגדול, זעהט מען דאָך אַז מ'האָט יעדן טאָג [גע'אסר'ט מחשש ביאתו], קאָן דאָך אַלעמאָל זיין די גאולה, וויאַזוי איז דאָס פאַרהאַנדן, אין די גמרא זעט אויס ניסן אָדער תשרי.

דער טורי אבן וויל אַ חילוק מאַכן [כדי לתרץ דברי 'הגמרא' אהדדי], צווישן **בְּעִתָּהּ** און צווישן **אֲחִישֶׁנָּה** (ישעי' ס, כב). אָבער דאָ אין דעם 'מדרש' איז דאָך דאָס אויך נישט פאַרענטפערט, דער מדרש זאָגט דאָך אָן אז דו זאָלסט נישט גלייבן, ווייל ס'איז 'גאָרנישט פאַרהאַנדן' [שלא בניסן], וויאַזוי איך וועל זאָגן עפּעס אַ חילוק, אז ער זאָגט אַ סימן אַז ס'וועט נישט זיין ניסן זאָלסטו נישט גלייבן, און אַז איך וועל זאָגן עפּעס אַ חילוק [אַז] ס'איז פאַרהאַנדן אַמאָל [שהגאולה הוא] אַן אַנדערס מאָל [ולא בניסן], איז דאָך שוין דער "סימן" נישט קיין סימן.

האָב איך שוין געזאָגט לאַנג, כמה פעמים, ס'קאָן זיין דאַכט זיך מיר דער פשט, טאַקע מיט דעם **נזר הקודש**, וואָס ער זאָגט [לבאר הגמרא] **זכו אֲחִישֶׁנָּה** (סנהדרין צח.), [כי] די גאולה האָט אַמאָל אַ זמן [מיוחד], דאָס איז אַמאָל זיכער נאָר **בְּעִתָּהּ**, און ווען ס'איז "אֲחִישֶׁנָּה", [דעמאָלט איז אַז] דער בורא כל עולמים 'טראָגט איבער' דעם זמן, 'ווען' דער "זמן" איז דעמאָלטס טאַקע, דעם מזל, דעם כח און דעם זמן, יעדער זמן האָט דאָך אַן אַנדער מזל מיט אַן אַנדערן [כוכב], די אַלע כוכבי לכת און די אַלע וואָס זענען משמשים [במרום], דאָס האָט יעדער טאָג און יעדע מינוט [מזל אחר], און דער בורא כל עולמים נעמט דעם זמן אַליין, ער איז מְשַׁנֶּה עִתִּים, ער נעמט 'דעם' זמן און שטעלט אים פריער, איז עס טאַקע אַז ס'איז **בְּעִתָּהּ** און ס'איז **אֲחִישֶׁנָּה**, ווייל דעם זמן אַליין טראָגט מען אַריבער [וזה שאמר הכתוב "בְּעִתָּהּ אֲחִישֶׁנָּה" כי העת עצמו אחיש אותה].

דאָס קען זיין דער פשט אַמאָל, **דאָס איז אַמאָל זיכער אַז די גאולה איז** [אין] **ניסן**, אז דאָס מוז זיין ניסן, ניסן איז דאָך דער זמן וואָס ס'איש שולט מזל טלה, די כוכבים און דער גאַנצער הילוך, ס'איז דאָך אַלעס תלוי אין הילוך הלבנה און הילוך החמה, די חדשי חדשים זענען דאָך תלוי אין די לבנה, אינעם הילוך פונעם זמן, איבערדעם **דאָס איז אַמאָל** [זיכער אַז] **יעדער טאָג קען זיין די גאולה, איי ס'מוז זיין ניסן?, דער בורא כל עולמים שטעלט אַראָפּ דעם 'ניסן' דעמאָלטס ווען מ'ברויך אים, ווען ער וויל ס'זאָל זיין די גאולה. איבערדעם זענען די** ביידע אמת. – [ווע"ע בסה"ג החודש תשי"ג ותשט"ו, ועוד].

**הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים** [בגאולת מצרים], **און מ'זאָל נישט מיינען ס'וועט זיך אַמאָל אויפהערן** [מה שניסן הוא ראשון, כי לעתיד יהיה חודש אחר הראש לחדשים, זאָגט ער] **ניין, אפילו די גאולה העתידה** [תהא רק בניסן], – [כי כבר יָדְעוּ גם במצרים] **ס'וועט דאָך נאָך זיין** [נאָך] **אַ גאולה,** [ווי] **דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה** (שמות ג, יד) [ופירשו חכז"ל (ברכות ט:) שאמר לו הקב"ה אני הייתי עמכם בשעבוד זה ואני אהיה עמכם בשעבוד שאר מלכיות, ואם כן יָדְעוּ] **ס'וועט נאָך זיין אַ גלות, – אפילו די גאולה העתידה וועט אויך זיין רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם, ס'וועט אויך זיין אין ניסן, ממילא וועט אייביג זיין דער חודש ניסן אַ "ראש" פון די חדשים.**

## כד
### הקדמה לישוב קושיא ד
ובו נכלל גם הוספה לישוב קושיא ג: איך שרואין זאת בלשון הפסוק, דהרישא קאי על גאולת מצרים והסיפא על לעתיד

**נאָר וויאַזוי איז דאָס טאַקע, וויאַזוי איז געדרינגען פון פסוק אַז מ'שמועסט דאָ פון די ערשטע גאולה און פון די לעצטע גאולה.**

**און וויאַזוי איז פאַרענטפערט וואָס כ'האָב פריער געפרעגט** (בקושיא ד) **פאַרוואָס דאָרט** [בהרישא] **שטייט** [קודם] **"לָכֶם" רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און דאָ** [בהסיפא] **שטייט רִאשׁוֹן הוּא "לָכֶם".**

## כה
בזוהר הקדוש פרשת ויקרא מבואר החילוק שבין גאולת מצרים לגאולה העתידה, דבמצרים היה בבחינת "קוּם", כי קָמָה כנסת ישראל גם מעצמה, אבל לעתיד תהיה בבחינת "אָקִים", כי כל ענין הגאולה תהיה רק ע"י הקב"ה בלבד

**ס'שטייט אין זוהר הקדוש פרשת ויקרא** (ו.), **משל, הייבט ער אָן צו זאָגן, ס'שטייט** (עמוס ה, ב) **נָפְלָה לֹא תוֹסִיף קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל, וואָס הייסט עפּעס 'לֹא תוֹסִיף קוּם' חס ושלום, והא כתיב** (שם ט, יא) **בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת, הקדוש ברוך הוא זאָגט ער וועט נאָך אויפהייבן אידן, אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת, זיי וועלן האָבן אַ תקומה,** [ואם כן] **וואָס שטייט עפּעס 'לֹא תוֹסִיף קוּם', פרעגט דער זוהר הקדוש.**

**זאָגט דער זוהר הקדוש אַזוי, אַ משל, אַ מלך ער איז געוועזן כָּעַס אויף די מטרונא** [=מלכה], **האָט ער זי פאַרטריבן אויף אַ זמן, אויף אַ צייט,** [און] **ווען ס'איז אַריבער די צייט איז זי אַהיימגעקומען אַליין.**

**שפּעטער איז ער נאָכאַמאָל ברוגז געוואָרן אויף איר, האָט ער זי ווידער פאַרטריבן אויף אַ צייט, ס'איז אַריבער די צייט און זי איז אַהיימגעקומען.**

**דאָס דריטע מאָל האָט ער זי ווידער פאַרטריבן און ער האָט ניטאַמאָל געגעבן קיין זמן ווילאַנג, האָט דער מלך געזאָגט, היצט שוין, דאָ וועט נישט אַזוי געשען אַזוי ווי ס'איז געשען פריער** [אַז] **זי זאָל אַליין אַהיימקומען, ער האָט נישט געגעבן קיין זמן זי זאָל אַהיימקומען ווייל ס'קען שוין נישט אַזוי געשען, היצט שוין – זאָגט דער מלך – וועל איך אַליין מוזן גיין, עם כל בני היכלא דילי, 'איך' וועל זי אויפהייבן און 'איך' וועל זי אַריינברענגען אַליין צו מיר, און כ'וועל צושווערן אַז איך וועל מער נישט פאַרטרייבן.**

[והנמשל] זאָגט דער זוהר הקדוש דאָס איז דאָס זעלבע, אידן זענען געווען אין גלות אין מצרים אויף אַ זמן, ס׳איז געקומען נאָכ׳ן זמן זענען אידן אַליין אַרויס, מיט משה ואהרן.

אין בבל איז דאָך אויך געווען אַ זמן, נאָכ׳ן זמן זענען זיי אַרויס.

אָבער היצט פון ׳דעם׳ גלות, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט דאָס קען שוין מער נישט זיין אַז זי זאָל אַליין אַהיימקומען, זי זאָל אַליין אויפשטיין פון גלות אַזוי ווי ס׳איז געווען אין מצרים און אין בבל, נאָר איך וועל אַליין קומען **עם כל בני היכלא דילי** [און] אויפשטעלן זי מעפרא און זי אַהיימברענגען אַריין, און צושווערן אַז מ׳וועט מער נישט פאַרטרייבן, ס׳וועט גיין מיט אַ גרויסן כבוד, ווען דער בורא כל עולמים וועט קומען וועט מען זיי [אידן] טרעפן נעבעך אין גרעסטן שפלות, אין אַשְׁפָּה, און דער בורא עולם וועט אַליין אויפהייבן אידן, ׳ער׳ וועט זיי ברענגען ׳ער׳ וועט זיי טראָגן, און דאָס וועט שוין זיין אַ נצחיות, נישט אַזוי ווי יענע גאולות ווען זיי זענען געקומען אַליין [שהם לא היו גאולות נצחיות].

דאָס איז דער פשט אין פסוק זאָגט דער זוהר הקדוש, **נָפְלָה לֹא תוֹסִיף** "קוּם" **בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל**, "אַליין אויפשטיין" דאָס קען שוין מער נישט זיין, דעס וועט נישט זיין, נאָר וואָס דען וועט זיין, "אָקִים", ׳איך׳ וועל זי אויפהייבן, [כי הגאולה תהיה] טאַקע נאָר דורך דעם בורא עולם אַליין, נישט אַזוי ווי ס׳איז געווען פריער.

אַזוי שטייט אין **זוהר פרשת ויקרא**.

### כו

וכעין זה הוא בזוהר הקדוש פרשת פקודי, אלא דשם מחלק בין גאולת מצרים וגאולת בבל, שגאולת מצרים היתה ג"כ בבחינת "אקים"

דאָס זעלבע אין **פרשת פקודי** (רלט:) איז אויך די זעלבע [בחינה בדברי הזוהר].

נאָר דאָרט [בפרשת פקודי] זעט עפעס אויס אַ חילוק [בין מצרים לבבל], דאָרט רעדט מען נאָר פון בבל [דשם היתה בבחינת "קום" מעצמה, און] אַז אין מצרים איז אויכעט געווען אַ בחינה פון "אָקִים", נישט אַזוי ווי "קוּם".

נאָר אין [פרשת] **ויקרא** שטעלט ער דאָס אינאיינעם [מצרים עם בבל], אַז ביידע מאָל איז געווען [הגאולה ע"י] **בחינת "קוּם"** [מעצמה].

### כז

וצריך לומר דהכוונה דכלפי גאולת בבל היתה גאולת מצרים בבחינת "אָקִים", שהיתה ע"י נסים מחוץ לדרך הטבע, אבל כלפי הגאולה העתידה גם גאולת מצרים הוא בבחינת "קום", כי היה קצת פעולה ע"י ישראל, בשליחות משה ואהרן

זעט אויס ס׳איז אַ בחינה געווען [גם של "אָקִים", בגאולת מצרים], דאָרט אין בבל איז דאָך געווען פעולות [מלובש בטבע, אבל] דאָרט [במצרים] איז דאָך געווען משה ואהרן מיט נסים ונפלאות, אָבער דאָך, ס׳איז געווען אַ שטיקל פעולה געווען דורך אידן, משה ואהרן זענען געקומען אין מצרים און ער האָט מיט זיי פאַרהאַנדלט, מ׳האָט געטון עפעס אַ שטיקל פעולה.

KolSatmar.com

### כח

אבל עכ״פ הגאולה העתידה יהיה לגמרי בבחינת ״אָקִים״, ואף שליבא לפומא לא גליא איך שיהיה לעתיד, אבל זאת מבואר בזוהר שיהיה הכל רק ע״י הקב״ה, מבלי שום סיוע מפעולת בני ישראל מעצמם

אָבער [עכ״פ לעתיד ביי] די גאולה העתידה וועט דאָס אַלעס נישט זיין [אף לא כמו שהיה במצרים].

נאָר אויף וואָס פאַר אַן אופן יאָ?, דאָס קען מיר דאָך אונז נישט וויסן, דאָס איז דברים מכוסים, **דברים טמורים ומכוסים, ליבא לפומא לא גליא** (סנהדרין צט. וילקו״ש ת״ב רמז תקז), אויף וואָס פאַר אַן אופן.

אָבער על כל פנים אַזוי זאָגט ער אין זוהר הקדוש [שיהיה כל הגאולה רק ע״י הבורא עולם]. דאָס קאָן מען פאַרשטיין, [כי] אודאי [תהיה גאולה העתיד] אויף אַ העכערן אופן ווי ס׳איז געווען [בגאולות הקודמות].

אָבער על כל פנים שטעלט ער אַ **יסוד מוסד דער זוהר הקדוש, לֹא תוֹסִיף ״קוּם״**, ׳דעס׳ וועט נישט זיין, אַז מ׳זאָל זיך ׳אַליין אויפהייבן׳ פון גלות, דאָס קען נישט זיין, זאָגט דער פסוק לֹא תוֹסִיף ״קוּם״[יז].

### כט

ואין צריך לומר שאי אפשר שתהיה איזה סיוע להגאולה ע״י רשעי ארץ

ממילא קאָן מען פאַרשטיין [לענין זמנינו], דאָס דאַרף מען דאָך ניטאַמאָל צו זאָגן, אויף אַזאַ נידריגן אופן, דורך רִשְׁעֵי אָרֶץ, איז אודאי נישט [שייך ענין של גאולה], נישטאָ וואָס צו רעדן.

### ל

אלא אפילו ע״י צדיקים וקדושים לא יהיה שום סיוע אנושית, ועל זה נאמר לֹא תוֹסִיף ״קוּם״ מעצמה, ולא כמו שהיה במצרים ובבבל, אף שגם שם היה הכל ע״י נבואה מה׳, אבל לעתיד אף זאת לא תהיה, אלא כביכול הקב״ה בעצמו יבא עם כל היכלא דיליה ויוקים כנסת ישראל מעפרה, שהוא ענין גדול ונעלה למעלה מהשגתינו

נאָר אפילו בכל אופן ואופן, [אף אם יהיה] **דורך צדיקים און קדושים, זאָגט ער לֹא תוֹסִיף ״קוּם״.**

׳דעס׳ אפילו, וואָס ס׳איז געווען דעמאָלטס [גם כן לא יהיה לעתיד, וכגון מה שהיה בגאולת בבל] ביים [בנין] בית שני דורך עזרא הסופר און דורך נביאים.

טאָקע כורש אַליין [שצוה לבנות הבית שני, הרי עצם מלכותו] איז דאָך אויך געווען דורך אַ נביא, [כדכתיב] **כֹּה אָמַר ה׳ לִמְשִׁיחוֹ לְכוֹרֶשׁ** (ישעי׳ מה, א), **זאָגט רש״י** (עזרא א׳ ב׳) **על ידי ישעיה הנביא**. ער [כורש] האָט געגלייבט אין נביאים.

און אין מצרים שמועסט מען דאָך נישט [דפשיטא שהיה על ידי נביאים משה ואהרן, ושם היה יותר חוץ לדרך הטבע על ידי נסים ונפלאות, וגם היתה תשועה שלימה, כמבואר בזוהר פרשת פקודי החילוק שבין מצרים לבבל, דכלפי גאולת בבל נחשב גם גאולת מצרים לבחינת ״אָקִים״].

אָבער על כל פנים דאָס איז אַלעס געווען זעט דעך אויס ׳דאָך׳ אַ בחינה וואָס אידן האָבן עפּעס געטון דערצו״[יח].

---

[יז] וכן איתא **בילקוט שמעוני זכרי׳** (רמז תקעז): **אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע בַּה׳** (דברים לג, כט), **אמר הקב״ה** בעולם הזה הייתם נושעים על ידי בני אדם, במצרים ע״י משה ואהרן, בימי סיסרא ע״י דבורה וכו׳, וע״י שהיו שלוחי בשר ודם הייתם חוזרים ומשתעבדים, אבל לעתיד לבא אני בעצמי גואל אתכם, ועוד יותר אין אתם משתבדים, שנאמר (ישעי׳ מה, יז) יִשְׂרָאֵל נוֹשַׁע בַּה׳ תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים. (דברי יואל ויצא עמוד ט, ועוד בכ״מ).

[יח] **ועיין ויואל משה** (א, עה) שהביא רבינו דברי הזוהר פרשת ויקרא, ואח״כ כתב וזלש״ק: והנה גם בגאולות הקודמות אף שידעו הזמן, אף על פי כן היה הכל על פי נבואה בשליחותו של הקדוש ברוך הוא, שגם בימי

**לא**

**אָבער אַצינד** [בגאולה העתידה] **הערט זיך אויף דאָס, דאָס קען מער נישט זיין** [באופן שהיה בגאולות הקודמות]**, נאָר** [לעתיד תהיה] **אַ העכערע בחינה ווי ס׳איז געווען דעמאָלטס, אַזאַ בחינה אַז כביכול דער בורא עולם וועט קומען עם כל בני היכלא דיליה.**

**לב**

**וואָס דאָס איז טייטש ״עם כל בני היכלא דיליה״?**

**קאָן מען דאָך פאַרשטיין וואָס פאַר אַ הויכע בחינה דאָס איז, למעלה מהשגתינו, דעס וועל מיר נאָר פאַרשטיין ׳דעמאָלטס׳ ווען ס׳וועט זיין. ווער ס׳וועט די זכיה האָבן מ׳וועט עס דערלעבן און מ׳וועט עס זען, וועט מען עס פאַרשטיין. אָבער ביז דערווייל קאָן מיר אונז נישט משיג זיין, למעלה מהשגתינו.** (ראה עוד להלן אות לז)

**אָבער אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש, לֹא תוֹסִיף ״קוּם״, נאָר ״אָקִים״ אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת.**

**לג**

**ישוב קושיא ד**

בריש‍א דקרא דקאי על גאולת מצרים מקדים ״לכם״ ואח״כ ראש חדשים,
כי כח הגאולה (שעי״ז נעשה ניסן ראש חדשים) התחילה במצרים גם ע״י ישראל

**היצט פאַרשטייט מען שוין דעם פסוק.**

**דער חודש** [ניסן] **איז אַ רֹאשׁ חֳדָשִׁים,** [והטעם] **ווייל ס׳איז אַ חודש הגאולה, ער איז געוואָרן אַ ״ראש חדשים״ דורך דער ״גאולה״** [במצרים].

[און] **׳די׳ גאולה** [של מצרים] **איז דאָך געוואָרן, אַזוי ווי ער זאָגט** [בזוהר פרשת ויקרא, בבחינה דכנסת ישראל] **קָמָה** [מעצמה]**, דורך ״אידן״, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ביי אידן, ׳אידן׳ האָבן אָנגעהויבן עפּעס צו טון דערצו אין מצרים ׳אויכעט׳**[יט]**,** [אַזוי] **זעט דאָך אויס, אַזוי ווי דער זוהר הקדוש זאָגט.** (וראה עוד להלן אות לט-מב בענין ההתחלה שע״י הצדיקים).

**האָט זיך דאָך עס פון ׳זיי׳ אָנגעהויבן, דער ״כח הגאולה״ אַז ס׳איז געוואָרן ״ראש״ חדשים.** [ולכן בריש‍א דקרא דקאי על גאולת מצרים, כתיב ״לָכֶם״ קודם, ואח״כ ״רֹאשׁ חֳדָשִׁים״]**.**

---

עזרא שלא היה התגלות כמו במצרים על ידי משה ואהרן, מכל מקום לא עשו זיז כל שהוא בלי נבואה כמבואר בכתובים, וכל תנועה ותנועה היתה בשליחותו של הקדוש ברוך הוא, ועזרא הסופר שהיה נביא אמת היה המנהיג, ומכל מקום כתוב בזוהר הקדוש שכל הגאולות הקודמין היו בבחינת שהיא תבת קמי מלכא, ולא יהיה כן בגלות הזה, שלא תוכל לקום מעצמה כמו בגליות הראשונות עד שיבוא הקב״ה עם כל בני היכליה ויוחיד בידיה ויוקים לה.

וכן מבואר בזוהר הקדוש פרשת פקודי, ובתיקונים דף רל״ט ע״ב שאסור למיקם מעצמם, ועל כרחך שאי אפשר אלא בבחינה גבוה יותר מהגאולות הקודמות.

וקל וחומר שלא לקום מעצמו בבחינה שפילה שעשו האפיקורסים, שזה ודאי נגד הקרא דלא תוסיף קום כמבואר בזוהר הקדוש. והחושב על זה [שיש בזה תנועה של גאולה ח״ו] אין זה אלא דעת מינות. **והחוש העיד בכל אלו הדורות, שכל אותן שהלכו במחשבה זו ליקח ממשלה וגאולה מעצמם קודם ביאת המשיח נעשו אחר כך מינים ואפיקורסים לגמרי, כי כח המינות נשרש בזה.** - [וע״ע בעל הגאולה ועה״ת סימן סה-סן].

[יט] פירוש: אידן אויכעט, והבן. והכוונה שבאמת גם במצרים היתה הכל ע״י הקב״ה, אלא שהיה גם ע״י שלוחי בשר ודם שהם משה ואהרן.

KolSatmar.com

### לד

**אבל בסיפא דקרא דקאי על גאולה העתידה מקדים לומר ראשון הוא ואחר כך אמר "לכם", כי כח הגאולה (שעל ידי זה נעשה ניסן ראשון) לא יתחיל כלל על ידי ישראל, ורק שאחר כך יתקרבו גם ישראל בעצמם אל הקדוש ברוך הוא**

אָבער די גאולה העתידה, אַז ס'וועט זיין **לֹא תוֹסִיף "קוּם"**, אויפשטיין [אַליין איז אַמאָל טאָר מען גאָר נישט, נאָר "הקדוש ברוך הוא" וועט אויפשטעלן, [אם כן] וועט דאָך קומען דער גאַנצער "חודש הגאולה" - דער גאַנצער "ראשית", [דהיינו דעס] וואָס ס'איז אַ "רֹאשׁ" חֳדָשִׁים - וועט קומען **נאָר כביכול פונעם בורא כל עולמים** וועט זיך עס "אָנהייבן"[כ].

"שפעטער-צו" וועלן זיך אידן אודאי אויך מקרב זיין [להקב"ה], אַז [=ווען] מ'וועט זיי אויפהייבן מ'וועט זיי אַריינברענגען [להיכלא דמלכא תחלה]. אַזוי ווי דאָס **משל** מיט די מטרוניתא [שבזוהר פרשת ויקרא, דבפעם האחרון הבטיח כי] 'ער' וועט זי אויפהייבן, 'ער' וועט זי ברענגען, אָבער "דערנאָכדעם" איז זי זיך שוין אויך מקרב ממילא [אל המלך].

**אָבער "אָנהייבן" וועט זיך עס נאָר פונעם בורא כל עולמים.**

### לה

די פריערדיגע גאולות האָט זיך עס 'עפּעס' "אָנגעהויבן" פון אידן אויכעט, אַזוי ווי ס'שטייט [בלשון הזוהר] **קָמָה**, מ'שטייט אַליין אויף און מ'קומט, אַזוי ווי דאָרט דאָס משל מיט די מטרוניתא [בפעמים הראשונים], מ'שטייט אַליין אויף [ותבת לאתרה], [וממילא] "הייבט זיך עס אָן" פון 'זיי' [אויך].

### לו

איבערדעם פאַרשטייט מען וואָס ס'שטייט צוויי מאָל אין פסוק.

איין מאָל איז [בגאולת מצרים] **הַחֹדֶשׁ הַזֶּה "לָכֶם" רֹאשׁ חֳדָשִׁים**, פון 'ענק' אויס. ס'וועט זיך 'אָנהייבן' אַז ס'וועט זיין **קָמָה** אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש, פון 'ענק' וועט זיך 'אָנהייבן' דער כח אַז ס'וועט ווערן אַ "רֹאשׁ חֳדָשִׁים", אַז ס'וועט ווערן אַ "חודש הגאולה", אַ רֹאשׁ חֳדָשִׁים.

דערנאָכדעם [בגאולה העתידה] וועט נאָכקומען אַ בחינה וואָס ס'וועט זיין **רִאשׁוֹן הוּא "לָכֶם"**, דער "ראשון" וועט זיין 'פאַר' "ענק", עטץ וועט נישט טון 'גאָרנישט' [דערצו אַז] דעס זאָל זיין "ראשון".

**דעס וואָס ס'וועט זיך אָנהייבן חלילה מיט "לָכֶם", דעס איז בטל ומבוטל כעפרא דארעא, דעס וועט נישט אויסהאַלטן בְּאֵין שׁוּם אוֹפֶן.**

'זיין' [=להיות בקיום] וועט נאָר 'דער' **ראשית** וואָס ס'הייבט זיך אָן פונעם "בורא עולם", וואָס ס'וועט זיך דאָרט 'אָנהייבן' אינגאַנצן, [מיט] **הקדוש ברוך הוא עם כל היכלא דיליה**, אַזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש.

---

[כ] כאן מרמז רבינו עוד בחינה בלשון ראשית וראש, דבחינה א' הוא מה שהחודש ניסן נעשה "ראש" לכל החדשים שזהו כינוי לכח הגאולה, יען כי הגאולה בניסן הוא הסיבה למה שניסן הוא ראש החדשים. ובחינה הב' הוא כי כל האמור שהגאולה תהיה רק ע"י הקב"ה בלבדו, הכוונה על "ראשית" והתחלת הגאולה שזה יהיה רק ע"י הקב"ה, אבל אח"כ יתקרבו גם ישראל אליו יתברך, כדמסיק להלן [ובזה יבואר להלן אות לט-מג מה שאמרו שהצדיקים גילו "ראשיהם". - וגם יש בזה ביאור על מה שנזכר תחלה בקרא, לכם או ראשון, דהנזכר תחלה מורה על "ראשית" והתחלת הגאולה, מה יהיה קודם, וכדלהלן אות כח].

KolSatmar.com

### לז

קאָן מען פאַרשטיין וואָס דאָס הייסט, ביי׳ן אַזאַ מין ׳התגלות׳ איז [אַ] פשיטות אַז מ׳וועט נתקרב ווערן מיט תורה און מיט מצות מיט דביקות. אַז הקדוש ברוך הוא וועט קומען עם כל היכלא דיליה און ער וועט אויפשטעלן אידן.

אודאי נישט חס ושלום מיט עוברי רצונו יתברך שמו.

דעס וואָס ער זאָגט הקדוש ברוך הוא יוקים לה עם כל היכלא דיליה, וועט זיין מיט [אַ] ״קדושה נפלאה״ עַד אֵין לְשַׁעֵר.

### לח

סיום ישוב קושיא ג-ד

[וממילא לעתיד] וועט זיין [קודם] דער ״רִאשׁוֹן״ און דערנאָך וועט זיין דער ״לָכֶם״.

[ונמצא] שטייען דיביידע גאולות אין פסוק, איבערדעם שטייט עס צוויי מאָל, דאָס ערשטע מאָל איז ״לָכֶם״ רֹאשׁ חֳדָשִׁים, און דאָס צווייטע מאָל איז רִאשׁוֹן הוּא ״לָכֶם״.

### לט

הקדמה לישוב קושיא ה

במצרים התעסקו הצדיקים והשתדלו בענין המשכת הגאולה

קאָן זיין דאָס איז דער פשט [במה שאמרו שגילו הצדיקים את ראשיהם שהיה מכוסה].

[דהנה] לעולם אין מצרים איז דאָך אויך געווען גרויסע נסים ונפלאות [ע״י הקב״ה] (ועיין לעיל אות כו-כז), נאָר אידן האָבן ׳עפעס׳ געטון [כדמוכח בדברי הזוהר ויקרא].

[וממילא] קאָן זיין, דער שבט לוי די צדיקים האָבן ׳זיך געפּאָרעט׳ [בענין הגאולה].

(המשך עיקר הדרוש באות מב)

### מ

ובגלות האחרון גם זה אסור, וכמו שכתב רש״י דהשבועה שלא ידחקו הקץ הוא אף שלא ירבו בתחנונים יותר מדאי

היינט איז דאָך [אסור] אפילו דער אַרט [=אופן, דהיינו אפילו פעולת הצדיקים].

ס׳שטייט לֹא תוֹסִיף ״קוּם״, מיינט מען דאָך נישט חלילה [לשלול הסברא] מ׳זאָל טון עבירות ׳דוחק את הקץ׳ זיין, נאָר מ׳מיינט [לשלול] אפילו תפילות צו דער גאולה כלפי שמיא [באופן המכריח, כדבסמוך].

אידן טאָרן נישט טון גאָרנישט, נאָר טון מצות ומעשים טובים, און תפילות ותחנונים וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבן אונז געמאַכט.

אָבער מ׳זאָל טוהן [איזה פעולות, זה אסור], אפילו ״תפילות״ [יתירות] איז [מען] דאָך אויך באַשוואוירן שלא ירבו בתחנונים יותר מדאי, אַזוי ווי רש״י (כתובות קיא.) זאָגט פשט [על השבועה] שלא ידחקו את הקץ[כא].

---

[כא] בגמרא כתובות (קיא.): לכדרבי יוסי ברבי חנינא דאמר ג׳ שבועות הללו למה [דג׳ פסוקים יש בשיר השירים, הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלַםִ וגו׳], אחת שלא יעלו ישראל בחומה, ואחת שהשביע הקב״ה את ישראל שלא ימרדו באומות העולם, ואחת שהשביע הקב״ה את העובדי כוכבים שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי וכו׳, ורבי זירא מיבעי ליה לכדרבי לוי, דאמר שש שבועות הללו למה [דבכל פסוק כתיב אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ, הרי ב׳ שבועות], תלתא הני דאמרן, אינך שלא יגלו את הקץ, ושלא ירחקו את הקץ, ושלא יגלו הסוד לעובדי כוכבים. בצבאות או באילות השדה, אמר רבי אלעזר אמר להם הקב״ה לישראל אם אתם מקיימין את השבועה מוטב, ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה.

ופירש״י: שלא יגלו את הקץ. נביאים שביניהם: ושלא ירחקו את הקץ. בעונם. לישנא אחרינא שלא ידחקו גרסינן, לשון ״דוחק״ [ולא לשון ׳ריחוק], שלא ירבו בתחנונים על כך יותר מדאי: ושלא יגלו את הסוד. אמרי לה

**אפילו וואָס צדיקים, אפילו וואָס זיי האָבן געקאָנט טון עפּעס** [להתפלל תפילה גדולה כזה שהוא בגדר הכרח].

**מא**

והכוונה על תפילות כזה מצדיקים גדולים שהם עושים פעולות מוכרחות בתפלתם,
כמו שמצינו בתפלת רבי חייא ובניו, אשר זהו ג״כ נכלל במה שנאמר לא תוסיף ״קום״ מעצמה

**אַזוי ווי כ׳האָב דאָך געזאָגט אַמאָל שוין דעם פשט** [בביאור דברי רש״י[כב], דהכוונה על תפילות גדולות שיש להם כח גדול בשמים והם מכריחים כביכול לעשות פעולות], **אַזוי ווי** [תפילת] **רבי חייא ובניו** (בבא מציעא פה:)[כג], **טון עפּעס אַ ׳פּעולה׳** [בתפלתו] **וואָס ס׳טוט דוחק זיין** [הקץ, ועל זה אמרו כי] **אפילו ׳דאָס׳** [אף שהוא סוף סוף רק ע״י ׳תפילות׳] **טאָר מען דאָך אויך נישט,** [כיון שהוא תפילה כזה הנחשב בגדר ׳פעולה׳].

**ס׳טאָר נישט קומען קיין שום ׳פּעולה׳ - קיין שום ׳עשיה׳, נישט בגשמיות נישט ברוחניות - פון ״אידן״ פריער, לֹא תוֹסִיף ״קוּם״ איז טייטש ״אַלעס״** [שכל מין פעולה נכלל בזה, ואף ע״י תפילה כזה שהוא כעושה פעולות].

**נאָר כביכול פונעם בורא עולם** [תבא הגאולה]. **דער בורא עולם אַליין וועט אויפשטעלן** [כנסת ישראל מעפרה].

**מב**

אמנם במצרים לא נאמר לא תוסיף ״קום״, ולכן לא היה נוהג האיסור שלא ירבו בתחנונים יותר מדאי, וע״כ אפשר ששבט לוי
והצדיקים עשו פעולות והתפללו כתפילת ר׳ חייא ובניו, רק שבנ״י לא ידעו מזה עד זמן הגאולה שאז ראו זאת למפרע

**איבערדעם, אין מצרים איז דאָך נאָכנישט געווען דער לֹא תוֹסִיף ״קוּם״** [ועל כן היה מותר לצדיקים להרבות בתחנונים יותר מדאי, אפילו כגון תפלת רבי חייא ובניו], **ס׳איז נאָך**

---

סוד העבור, ואמרי לה סוד טעמי התורה: - [ובענין השבועה ׳שלא יגלו׳ את הקץ, עיין להלן בדברי רבינו באות מו. וע״ע בלשון מהר״ל דלהלן בהערה כט].

[כב] דלכאורה אדרבה הלא תקנו חכמז״ל להרבות בתפלה על הגאולה (ועיין בריש הערה שאח״ז).

[כג] עיין **בויואל משה** (מאמר א, סימן כד-כט), וזלש״ק (במקוצר): והנה רש״י ז״ל (כתובות קיא.) פירש, לשון ״דוחק״, **שלא ירבו בתחנונים על כך יותר מדאי.** ולכאורה אינו מובן כלל מה הוא הגבול של תחנונים יותר מדאי, הלא בכל התפלות יסדו לנו להתפלל על הגאולה, וגם בתפלת שמונה עשרה שתקנו לכל ישראל לומר שלש פעמים בכל יום יש בה הרבה תפלות על הגאולה ועל בנין ירושלים וצמיחת קרן בן דוד, וצדיקים מסרו נפשם בכל עת בתפלות האלו, והאיך אפשר איפוא לידע הגבול שנכנס בגדר איסור השבועה.

[ובסוף סימן כו הוסיף רבינו להקשות וז״ל:] וגם צריך לחקור המקור, מנא ידעינן דקאי גם על תפלה ורחמים בעונש כולי האי, כמו שדקדקתי לעיל. ותו דלא ביאר הגבול של בקשת רחמים יותר מדאי.

[ומתרץ בסימן כט:] וכבר אמרתי הנראה לפענ״ד בפירוש של רש״י ז״ל, על פי דברי הגמרא **בבא מציעא דף פ״ה** (ע״ב), אליהו הוה שכיח במתיבתא דרבי, יומא חד ריש ירחא הוה נגה ליה ולא אתא, אמר ליה מאי טעמא נגה ליה למר, אמר ליה אדאוקימנא לאברהם ומשינא ידיה ומצלי ומגנינא ליה וכן ליצחק וכן ליעקב, ולוקמינהו בהדי הדדי, סברי תקפי ברחמי ומייתי ליה למשיח בלא זמניה. אמר ליה ויש דוגמתן בעולם הזה?, אמר ליה איכא ר׳ חייא ובניו. גזר רבי תעניתא, אחתינהו לרבי חייא ובניו, אמר משיב הרוח ונשב זיקא, אמר מוריד הגשם ואתא מיטרא, כי מטא למימר מחיה המתים, רגש עלמא, אמרי ברקיעא מאן גלי רזיא בעלמא, אמרי אליהו, אתיוהו לאליהו מחינהו שתין פולסי דנורא, אתא אידמי להו כדובא דנורא על בינייהו וטרדינהו. ופירש שם המהרש״א ז״ל דאתי לומר שלא אתי עדיין זמן המשיח.

והרי מבואר שהיו צדיקים אשר היה להם הכח בתפלתם כל כך כמו רבי חייא ובניו שתפלתם היתה מכריחה להביא ביאת המשיח אף בלא זמניה, כמו אילו היו מתפללין כל האבות ביחד, ושלכן היה ההכרח לטרדינהו מתפלתם, ותפילה כזאת ודאי בגדר דחיקת הקץ, ומובן לפי זה שזהו הגבול מה שנאסר בשבועה.

ונראה דאף שרבי חייא ובניו היו תלמידי רבי ונכנעין מפניו, כמבואר בגמרא, מכל מקום בכח התפלה היו הם יחידים בדורם, כמבואר בגמרא שלא אמר אליהו שיש דוגמתן בעולם הזה רק על רבי חייא ובניו, וכידוע שיש בחינות ומדריגות שונות בצדיקים ואין אחד דומה לחבירו, ויוכל להיות שבענין אחד הוא גדול מחבירו, ובשאר ענינים חבירו גדול ממנו.

געוועןן "לָכֶם" רֹאשׁ חֳדָשִׁים, אַז דער "ראשית" איז געוואָרן – [דעס וואָס] ס'איז געוועןן אַ רֹאשׁ חֳדָשִׁים – האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פון "אידן".

מובן מאליו [שזה גם כן רק] פון "צדיקים" וואָס זענען געוועןן בדור, מ'האָט געטון פעולות כלפי מעלה מ'זאָל מסייע זיין די גאולה, אפשר אַזוינס וואָס היינט טאָר מיר אונז נישט טון האָט מען דעמאָלטס געטון.

אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס די פעולות זענען, ביז דער "ראשית" האָט זיך אָנגעהויבן.

ס'איז דאָך "לָכֶם" "רֹאשׁ" חֳדָשִׁים, דער "ראשית" איז געוועןן פון "צדיקים".

## מג

### הקדמה לישוב קושיא ה

וזה שאמרו שבזמן הגאולה גילו הצדיקים את "ראשיהם" שהיה מכוסה, שאז נתגלה גודל עבודת הצדיקים עד שפעלו בעבודתם את "הראשית" וההתחלה של הגאולה שעל ידי זה נעשה אחר כך ניסן "ראש" לחדשים, אבל עד אז היתה עבודתם טמיר ונעלם, וכדרך הצדיקים שמסתירים עבודתם הגבוה

**זאָגט ער** [במדרש, דאף שמקודם לא ידעו שאר ישראל מה שהצדיקים פעלו וסייעו להגאולה], **אָבער 'נאָך' די גאולה** [והיינו כשבא התגלות זמן הגאולה בראש חודש ניסן, אז מיד] **גילו הצדיקים את "ראשיהן" שהיו מכוסים, די צדיקים האָבן מגלה געוועןן דעם "ראשית" וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן,** [אַז] **ס'איז געוואָרן "לָכֶם" "רֹאשׁ" חֳדָשִׁים, דאָס איז מען אויך הערשט געוואָר געוואָרן 'נאָך' דער גאולה, "וואָס" צדיקים האָבן אויפגעטון** [און] **מסייע געוועןן צו דער גאולה, דאָס האָט מען אויך נישט געוואוסט פריער, זייער עבודה איז אויכעט געוועןן מכוסה, טמיר ונעלם.**

**אַזוי ווי דער דרך הצדיקים, קיינער ווייסט נישט ווי ווייט זייער עבודה דערגרייכט,** [וממילא אח"כ] **איז געוועןן גילו הצדיקים את "ראשיהם", דער "ראשית" וואָס ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון זיי, וואָרן ס'שטייט דאָך אין פסוק "לָכֶם" "רֹאשׁ" חֳדָשִׁים.**

**וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן, און דורך וועמען, און אויף וואָס פאַר אַן אופן, "וואָס" זייערע פעולות זענען געוועןן,** [דאָס אַלעס] **איז מען הערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן.**

**דאָס איז טייטש גילו הצדיקים את "ראשיהם" שהיה "מכוסה".**

## מד

### הקדמה לישוב קושיא א - באופן א

### לדעת הסוברים דאזהרת מכת בכורות היתה לפני ראש חודש ניסן

(עד אחר אות ס)

מצאנו במדרשים שגם במצרים היה שבועה שלא ידחקו את הקץ, אבל אינו מבורר כ"כ באיזה אופן היה השבועה אז

**לאָמיר זען** [לבא לביאור המכילתא, מה שדרשו מתיבת "לאמר", צא ואמור להם "מיד"].

[דהנה] **אף על פי כן, ס'שטייט דאָך נישט** [מבואר בדברי חכז"ל] **וויאַזוי די "שבועות"** [הגלות] **האָבן אויסגעזען דעמאָלטס** [בגלות מצרים].

[דהנה] לכאורה איז דאָך דעמאָלטס אויך געווען [שבועה על זה, כדכתיב] פָּקֹד יִפְקֹד (ויחי נ, כה), הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ (שמות יג, יט), זאָגן זיי דאָך פשט[כד] [שהשביעם יעקב ויוסף שלא ידחקו את הקץ].

[וכן] מ'זעט דאָך די בני אפרים זענען דאָך נענש געוואָרן [ווייל] זיי זענען אַרויס פאַר'ן זמן, שטייט דאָך אויכעט [שהעונש היה על כי] עברו על הקץ "ועל השבועה", אַזוי שטייט דאָך אין דברי חכמינו ז"ל (מכילתא ר"פ בשלח, ושם בפרשת שירה פ"ט. ובשהש"ר ב, כ).

[ונמצא] איז שוין דעמאָלטס [אין מצרים אויך] געווען די "שבועה", מ'האָט נישט געטאָרט עובר זיין אויפן "קץ".

נאָר צי ס'איז געווען אַלעס אויף דער בחינה וואָס די 'היצטיגע' שבועות, דאָס איז נישט אַזוי בבירור [מבואר] 'וויאַזוי' די שבועה איז געווען דעמאָלטס, צי אַזוי ווי ס'איז היינט [בגלות האחרון, או לא][כה].

מה

## ביאור בהנבואה דאזהרת מכת בכורות

(עד אחר אות נח)

[ועל פי הקדמה זו] לאָמיר זען [לבאר קושיא א-ב, בשנקדים לבאר בהפסוקים דבפרשת בא בענין מכת בכורות].

### קושיא בפרשת בא

כשגילה משה לפרעה דכחצות הלילה ימות כל בכור בארץ מצרים, למה לא גילה לו באיזו לילה הוא שתהיה זאת

[דהנה] ס'שטייט (בא יא, א-ח), משה רבינו האָט געזאָגט בנבואה אין מצרים, [וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה] עוֹד נֶגַע אֶחָד אָבִיא עַל פַּרְעֹה וְעַל מִצְרַיִם [אַחֲרֵי כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם מִזֶּה וגו', וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה] כֹּה אָמַר ה' כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה אֲנִי יוֹצֵא בְּתוֹךְ מִצְרָיִם וּמֵת כָּל בְּכוֹר וגו', וְיָרְדוּ כָל עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה אֵלַי וְהִשְׁתַּחֲווּ לִי לֵאמֹר [צֵא אַתָּה וְכָל הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ, וְאַחֲרֵי כֵן אֵצֵא].

איז דאָך די קשיא, אַ גאַנצע נבואה האָט ער פרעה'ן אָנגעשראָקן, אַזוי ווי ס'איז טאַקע געווען דערנאָך, ער האָט אים מזהיר געווען, ס'וועט זיין "חצות" [הלילה, מכת בכורות], [און] דו וועסט קומען [צו מיר], דער בורא כל עולמים וועט קומען [ועבר בארץ

---

[כד] בתרגום יונתן על הפסוק (ויחי נ, כה) וַיַּשְׁבַּע יוֹסֵף אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וגו' מתרגם בזה"ל: וְאוֹמֵי יוֹסֵף יַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמֵימַר לִבְנֵיהוֹן, הָא אַתּוּן מִשְׁתַּעְבְּדִין בְּמִצְרַיִם, וְלָא תְזִידוּן לְמֵיסוֹק מִמִּצְרַיִם עַד זְמַן דְּיֵיתוּן תְּרֵין פְּרוֹקִין וְיֵימְרוּן לְכוֹן מִדְכַּר דְּכִיר ה' יַתְכוֹן וכו'.

וכן כתב בבעל הטורים שם וז"ל: ובמדרש יש שהשביעם שלא ידחקו את הקץ.

ובדעת זקנים לבעלי התוספות (ויחי מז, ל) מבואר דמה שהשביע אותם יוסף לאמר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם, כן השביע גם יעקב אותם, ועל זה אמר שם יוסף ליעקב "אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה כִדְבָרֶךָ", ואיתא במדרש שאמר לו כשם שאתה מצוני כך אני מצוה לאחי בשעת מיתתי, וכן מצינו שאמר לאחיו פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם, עכ"ד. - ועיין באורך בדברי רבינו בס"ג ויחי תשי"ח, דלפי זה גם יעקב השביע אותם שלא ידחקו הקץ.

[כה] וכגון מה שמבואר לעיל לדרכינו, דכהיום השבועה כולל גם שלא ירבו בתפילות יותר מדאי וכדברי רש"י בכתובות, משא"כ במצרים לא היה איסור בזה, כי אדרבה בגאולות הקודמות היה סיוע לזה גם ע"י הצדיקים, ואינו דומה לגאולה העתידה שהוא רק ע"י הקב"ה לבדו. ובפרט זה שפיר מצאנו חילוק בזה, על פי המבואר בדברי הזוהר הקדוש הנזכר, דיש חילוק בין גאולות הקודמות לגאולה העתידה. אבל בשאר פרטים עדיין אינו מבורר להדיא עד כמה הגיע אופן השבועה במצרים, ולפי זה יתכן לומר שגם אז היה שייך השבועה שלא "יגלו" את הקץ, כי אף שהם שפיר ידעו את הקץ של ת' שנה, וא"כ לא היה שייך שבועה באופן הפשוט כמו שהוא שייך בגלות זה, מ"מ גם אז לא ידעו החשבון המדוייק בה, וגם לא ידעו באיזה יום ממש תהיה הגאולה, והיה אסור לגלות את היום עד סמוך להגאולה בר"ח ניסן, וכמו שמבאר רבינו להלן (אות מו-נב).

KolSatmar.com

מצרים] און ס׳וועט געשען וואָס ס׳איז געשען, און ער [פרעה] וועט נאָך אַליינס שרייען[כו], וְהִשְׁתַּחֲווּ לִי לֵאמֹר זיי זאָלן אַלע גיין, צֵא אַתָּה וְכָל הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ, און ס׳שטייט נישט ״וועלעכער״ חצות [הלילה], ס׳שטייט [סתם] ״חצות״, [ולא כתיב] ״וועלעכע״ נאַכט, וואָס ווער ווען, ס׳שטייט נישט ׳גאָרנישט׳, ס׳שטייט נישט דאָ אין פסוק ״ווען״ עס איז.

[וקשה] ממה נפשך, אַז ער האָט אים שוין מזהיר געווען, ער האָט אים געזאָגט [ענין מכות בכורות ושיהיה ״בחצות הלילה״], האָט ער אים געזאָלט זאָגן ״ווען״[כז].

## מו

## הקדמה לישוב הקושיא בפרשת בא

### אחד משבועות הגלות הוא שלא יגלו את הקץ, וביאר מהר״ל דהטעם הוא כי אם היו יודעין זמן הגאולה היה נחשב כאילו היו ״נגאלין״, והגזירה הוא שיהיה ״בגלות״

נאָר, איינס פון די ״שבועות״ איז **שלא יגלו את הקץ**[כח], מ׳טאָר נישט מגלה זיין [זמן קץ הגאולה].

און [ווי] דער **מהר״ל מפראג**[כט] גיט צו פאַרשטיין פאַרוואָס לא יגלו את הקץ, גיט ער צו פאַרשטיין, ווייל דאָס גלות איז אַ גזירה, ס׳מוז זיין, מ׳טאָר נישט דוחק את

---

[כו] וכדפירש״י בפסוק וְיָרְדוּ כָל עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה אֵלַי וְהִשְׁתַּחֲווּ לִי לֵאמֹר וגו׳, דקאי על פרעה בעצמו, אלא שמשה חלק כבוד למלכות, ותלה הדבר בעבדיו.

[כז] וז״ל רבינו בס״ג החודש תשט״ז (במקוצר): לעולם אַזוי אין-פלוג איז מיר דאָ קשה געווען, ער האָט אַזוי מקפיד געווען מדקדק געווען אין דיבור ״בַּחֲצוֹת״ צי ״כַּחֲצוֹת״, און ס׳שטייט גאָרנישט ״וועלעכן״ חצות [באיזה לילה], לכאורה ס׳שטייט גאָרנישט ״ווען״, כַּחֲצוֹת פון ווען, ס׳איז נישט דערמאָנט דערפון קיין רמז, נישט קיין זמן, נישט קיין חודש נישט קיין יאָר און נישט קיין טאָג, ס׳העט געקאָנט זיין - כ׳ווייס - אפילו מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער נאָך אַמאָל, ער האָט נישט אַרויסגעזאָגט מ׳זאָל וויסן וואָס ער מיינט, ס׳איז גאָרנישט דאָ קיין זמן ווען איז דער ״כַּחֲצוֹת״, ווען וועט דאָס געשען, די נאַכט איז ער דאָך נישט מזכיר, [ויכולין לפרש] אז דאָס איז א מכה אויף שפּעטער.

דערנאָך האָב איך געזען, דער **רמב״ן** (בא יא, ד) איז דערויף מעיר. דער רמב״ן הייבט אַן צו זאָגן, זאָגט ער, ער האָט זיי נישט מגלה [געווען] ער האָט זיי נישט געזאָגט קיין טאָג, נאָר סתם ״כחצות״, זאָגט ער ס׳איז פאַרדעם, ווייל ס׳איז געווען פאַר ראש חודש ניסן.

לכאורה פאַרשטיי איך נישט דעם גאַנצן תירוץ, וואָס איז דען אַ פעלער אז פאַר ראש חודש ניסן האָט ער נישט געקענט זאָגן קיין זמן, אויף ווען דאָס וועט זיין?. ביי די צווייטע פרשה האָט ער שוין געמוזט זיי זאָגן ׳ווען׳ מ׳וועט שחט׳ן, ביום ארבעה עשר, מ׳וועט שחט׳ן דעם קרבן פסח, וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה [וְהִכֵּיתִי כָל בְּכוֹר וגו׳], אין דער נאַכט וואָס מ׳וועט עסן דעם קרבן פסח. זאָגט ער [הרמב״ן] אין די אַנדערע פרשה האָט ער שוין אַרויסגעזאָגט פאַר אידן ווען דאָס וועט זיין, נאָר פאַר די מצריים אין דער אזהרה האָט מען עס גאָרנישט געזאָגט, זאָגט דער רמב״ן ווייל ס׳איז געווען פאַר ראש חודש ניסן, נו וואָס איז פאַר ראש חודש ניסן?, איז דען נישט געווען קיין חדשים דערפריער?.

ס׳זעט דאָך אויס ס׳איז שוין געווען חדשים דעמאָלטס. ביים דור המבול שטייט דאָך אויכעט (נח ז, יא) בחודש השני, ס׳איז אַ פלוגתא רבי אליעזר מיט רבי יהושע׳ן (ראש השנה יא:) צי מיינט מען אייר צי חשון וכו׳. דאָ זעט מען דאָך אויך אַזוי, דער מדרש זאָגט (שמו״ר טו, ב) ביז היצט האָט הקב״ה געזאָגט האָב איך געמאַכט די חדשים, אָבער אַצינד איז עס מסור בידכם. על כל פנים ס׳איז געווען פריער אויך, נאָר ס׳איז נישט געווען ביי אידן אין די האַנט, ס׳איז געווען ביי הקב״ה אין די האַנט, אָבער געווען איז עס וכו׳. - (ועיי״ש מה שמתרץ רבינו בביאור דברי הרמב״ן לפי דרכו שם, ולפי הדרוש שבכאן יתורץ גם כן גם דברי הרמב״ן, כי לפני ר״ח היה אסור לגלות הזמן).

[כח] כדהובא לעיל בהערה כא מדברי הגמרא כתובות (קיא.).

[כט] בספרו **נצח ישראל** (פרק כד), וז״ל: ורבי לוי דרש עוד ״אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ״ כל אחד ואחד בפני עצמו, והרי הם שש שבועות. כי בכתוב נאמר ג׳ פעמים ״הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם״. ודרש רבי לוי ״אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ״ הם שתי שבועות, כל אחד כפל לשנים, הרי שש. **ולפיכך הוסיף עוד שלש שבועות, האחת שלא יגלו הקץ, כי כאשר יגלו הקץ, הרי יש כאן גאולה. כי מי שידע זמנו לצאת, כאילו הוא נגאל. והשם יתברך שם הגלות, ולא יהיה נמצא הקץ קודם זמנו, ולפיכך אל יגלו הקץ.**

הקץ זיין, מ'מוז 'סובל' זיין דעם "עול גלות", [ואם יגלו את הקץ, אם כן] וויבאַלד אַז ס'איז נגלה דער קץ, מ'ווייסט שוין "דעם טאָג" ווען מ'וועט אויסגעלייזט ווערן, איז מען שוין אַזוי ווי "אויסגעלייזט", [ווייל אז] מ'ווייסט שוין אַז אין דעם טאָג וועט מען אַרויס, און מ'האָפט אויף דעם, ס'איז אַ זמן מוגבל, דאָס אַליין איז אויך אַן ענין גאולה, שפּירט מען זיך שוין אויכעט [נגאל], מ'איז שוין נישט סובל [כל כך את כובד הגלות].

איבערדעם מוז דאָס זיין מכוסה, מ'זאָל ניטאַמאָל וויסן דעם טאָג ווען, אַזוי גיט צו פאַרשטיין דער מהר"ל מפראג.

**מז**

והנה במצרים בפשטות לא היה שייך השבועה שלא יגלו הקץ,
שהרי היה על זה קץ מפורסם של ארבע מאות שנה, וכן בגלות בבל היה קץ מפורסם של שבעים שנה

האָב איך געקלערט [בענין שבועה זו אצל גלות מצרים, דהנה] לעולם איז אַזוי, אין מצרים קען דאָך נישט זיין אַז ס'איז געווען אינגאַנצן אַזוי באַשוואוירן "שלא יגלו את הקץ", [ווייל] ס'שטייט דאָך אַרויס אין פסוק אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, מ'האָט דאָך געמאַכט אַ "זמן".

אויף 'היצט' [גלות אדום] שטייט נאָר[ל] (דניאל יב, ד) סְתֹם וַחֲתֹם הַדְּבָרִים, מ'האָט נישט געזאָגט קיין "זמן". אָבער אין גלות בבל שטייט אַרויס זיבעציג יאָר אין פסוק (ירמי' כט, י. דניאל ט, ב). און אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה [בגלות "מצרים"] שטייט אויך אין פסוק (לך טו, יג). ס'איז נישט אַזוי מכוסה [געווען] ווי היצט.

איבערדעם ווייס איך נישט צי ס'גייט אָן [בגלות מצרים] די שבועה שלא יגלו [את הקץ].

**מח**

אבל מכל מקום הרי מצינו שלא היה חשבון ברור ונודע, איך לחשוב חשבון
האַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה במצרים, ולא ידעו באיזה יום יגאלו עד שבא זמן קץ הגאולה ונגאלו

אָבער אף על פי כן, [הגם] ס'שטייט טאַקע אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, דעסטוועגן ווייסט מען 'עד היום' נישט קיין חשבון [ברור בחשבון ארבע מאות שנה, כי יש בזה כמה דרכים במדרשים ומפרשים].

ווי דער רמב"ם זאָגט אין אגרת תימן[לא], ס'שטייט אַרויס אין די תורה [זמן הקץ של גלות מצרים] אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, און מ'ווייסט נאָך אַלץ נישט [חשבון מוסכם].

---

ופירש רש"י אל יגלו הקץ, היינו הנביאים שבתוכם אל יגלו הקץ. ולי נראה שאל יגלו הקץ שלא יעסקו בענין הקץ לעמוד עליו, עד שיהיו יודעים הקץ. גם לא יגלו לומר בפרהסיא כי בזמן הזה תהיה הגאולה, ופירוש זה ברור. וכן שלא ידחקו את הקץ, פירוש להביא את הקץ שלא בזמנו על ידי תפלה ורחמים.

[ל] סגנון הדברים: נאר [רק] אויף היצט שטייט סְתֹם וַחֲתֹם הַדְּבָרִים.

[לא] **באגרת תימן**: ודע שהקץ שביאר הקב"ה אותו בביאור, כלומר גלות מצרים שאמר (לך טו, יג) וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, **לא נודעה אמתתו ונפל בו ספק**. מהם מי שסבר שארבע מאות שנה אלו משעה שירד יעקב אבינו למצרים. ואחרים חשבו משהתחיל השעבוד והיא שנת שבעים לאחר שירד יעקב אבינו למצרים. ואחרים חשבו אותה משעה שנאמרה נבואה זו לאברהם אבינו, והוא מעמד בין הבתרים, וכשמלאו ארבע מאות למעמד בין הבתרים יצאו ממצרים קצת בני ישראל קודם שעמד משה רבינו שלשים שנה, ועלה בדעתם שכבר תם הקץ, והרגום המצרים והכבידו עליהם השיעבוד, כן הודיענו חכמים ז"ל. ועל האנשים ההם אשר טעו בחשבונם ודמו שכבר באה הגאולה ויצאו, אמר דוד (תהלים עח, ט) בְּנֵי אֶפְרַיִם נוֹשְׁקֵי רוֹמֵי קָשֶׁת הָפְכוּ בְּיוֹם קְרָב. והקץ האמיתי היה ארבע מאות שנה **משנולד יצחק** שהוא זרע אברהם, שנאמר (וירא כא, יב) כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע. ואמר יתברך (לך שם) כִּי גֵר יִהְיֶה "זַרְעֲךָ" בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, ובזמן הגלות

איינער זאָגט משנולד יצחק [הוא החשבון, ואם כן באמת נשלמו הת' שנה]. און איינער זאָגט דער קושי השעבוד [השלים לחשבון ארבע מאות, אבל באמת התחיל החשבון משעה שירד יעקב למצרים]. ס'איז דאָ אויף דעם [עוד כמה] תירוצים.

ווייל היצט וויסט מען שוין [הזמן שיצאו ממצרים, ועל כן יודעין עכ"פ זמן הקץ במצרים], אָבער אף על פי כן קיין קלאָרע זאַך ווייסט מען ווייטער נישט [האיך לתרץ החשבון של ת' שנה, ויש כמה תירוצים לתרץ מה שיצאו רק לאחר רד"ו].

**מט**

וכן בשבעים שנה של גלות בבל היה בזה כמה חשבונות, ועד שנבנה הבית שני לא ידעו החשבון בבירור, וכמו שגם אחשורוש טעה בזה

דער אמת ביי די ע' **שנים אין בבל** [גם כן אין יודעין חשבון ברור, שגם בזה] **שטייט** דאָך אויך אין די **גמרא** (מגילה יא:) פלאָגט מען זיך וויאַזוי עס גאָר אויסצורעכענען דעם חשבון. מ'האָט זיך טאַקע טועה געווען [אחשורוש בהחשבון, כמבואר שם בגמרא].

ס'איז נישט אַזוי בפרהסיא געווען דאָרט אין פסוק [מאיזה שנה מתחיל החשבון, אם מגלות יהויכין או מגלות צדקיהו וכדומה (עיין בגמרא ורש"י שם)].

פונקט אַזוי ווי ס'איז געווען אפילו דעמאָלטס אין **מצרים** אויך [שלא ידעו בדיוק איך לחשוב החשבון].

**נ**

ולדברי מהר"ל מצאנו טוב טעם על שלא היה להם חשבון נודע על זמן הקץ עד שבא הגאולה, אף שהגלות מצרים ובבל היה רק על סכום שנים. כי אלמלי היו יודעין זמן יציאתם אז לא היה נחשב זה כימי "גלות"

קען טאַקע זיין [אז] פאַרדעם האָט עס נישט געקאָנט זיין קיין 'פונקטליכע' ידיעה, ווייל ווען מ'העט טאַקע גיוועןן געוואוסט פונקטליך 'דעם טאָג' [אשר בו יגאלון], שפירט מען זיך שוין אַזוי האַלב ווי [אויסגעלייזט], ס'איז אַן ענין "גאולה" [הסותר לענין "הגלות"].

מ'האָט דאָך געוואָלט, ס'איז דאָך געווען אַ גזירת "הגלות", האָט מען נישט געקענט פונקטליך מגלה זיין.

ווען מ'איז מגלה פונקטליך איז מען נישט אין אַזאַ ביטערן "גלות", אַז מ'ווייסט שוין, מ'ווייסט שוין וואו מ'האַלט.

**אַז מ'ווייסט נישט וואו מ'האַלט, ווען מ'וועט אַרויסקריכן, מ'ווייסט נישט, דעס איז דאָס ביטערסטע גלות.**

**נא**

[ביי] 'דעס' גלות [האחרון] **שטייט שוין** (מלאכי ג, א) **פִּתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים**, שטייט אַרויס אין פסוק ס'וועט זיין אַ פלוצלינגע זיך.

---

ישלטו אותם וישעבדו בהם וייגעום, כך הוא פירוש הפסוק, והיו ארבע מאות שנה "לגרות", ולא "לשעבוד". ולא התבאר זה עד שעמד הנביא הגדול, ונמצא שמיום שנולד יצחק עד שיצאו ממצרים ארבע מאות שנא בשוה.

ואתה דן מקץ זה קל וחומר, ומה הקץ הזה שנודע זמנו והתבאר, לא ידעוהו, כל שכן הקץ הזה הארוך [של גלות שלנו] שפחדו הנביאים וחרדו מרוב אריכותו, עד שאמר הנביא על דרך התימה (תהלים פה, ו) הַלְעוֹלָם תֶּאֱנַף בָּנוּ תִּמְשֹׁךְ אַפְּךָ לְדֹר וָדֹר ואמר ישעיהו (כד, כב) כשסיפר אריכות הגלות הזה, וְאֻסְּפוּ אֲסֵפָה אַסִּיר עַל בּוֹר וְסֻגְּרוּ עַל מַסְגֵּר וּמֵרֹב יָמִים יִפָּקֵדוּ. ובאר לנו דניאל עומק ידיעת הקץ והיותו סתום ונעלם, ולפיכך מנעונו החכמים ז"ל (סנהדרין צז.) מלחשוב הקצים לביאת משיח, לפי שיכשלו בהם ההמון ושמא יטעו בראותם שבאו הקצים ולא בא. וכן אמרו החכמים ז"ל (שם צז:) תפח רוחם של מחשבי קצין, לפי שהם תקלה לעם, לפיכך התפללו עליהם חכמים שתפח דעתם וישחת חשבונם.

KolSatmar.com

[אָבער] ביז דערווייל ווייסט מען גאָרנישט, איבערדעם איז דאָס אַזאַ שווער ביטער גלות.

מ׳קען נאָר האָפן צום בורא כל עולמים, אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא. הַמַּאֲמִין לֹא יָחִישׁ (ישעי׳ כח, טז)[לב], ער איילט זיך נישט, וויפיל ס׳גייט פאַראיבער [האָפט ער ווייטער], אַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה.

**נב**

**ישוב הקושיא בפרשת בא**

ולכן אף במצרים שהיה חשבון ד׳ מאות שנה, עכ״ז לא רצו מן השמים לגלות יום היציאה, כדי שיהא נחשב כגלות גמור

ממילא אין מצרים, כאָטשיג ס׳איז אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, זעט אויס [אז] ״אינגאַנצן״ האָט מען [אָבער] נישט געוואָלט מגלה זיין.

**נג**

והנה נבואת מכת בכורות היתה קודם נבואת פרשת החודש שהיתה בר״ח [שאז כבר בא הזמן לגלות לישראל את יום היציאה]

איבערדעם איז רעכט, משה רבינו האָט ביי די נבואה [של מכת בכורות לא גילה באיזו לילה תהיה המכה, דהנה נבואת מכת בכורות] דאָס איז נאָך געווען ׳פאַר׳ דעם וואָס ס׳איז געווען די נבואה פון הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, [וואָס דעמאָלטס] האָט מען שוין געוואוסט [שיגאלו בט״ו ניסן כמפורש בפסוק וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם ״בַּלַּיְלָה הַזֶּה״ וגו׳].

׳דעס׳ [נבואת החודש הזה] האָט מען דאָך געזאָגט ווען ער איז אַרויס ׳אויסער די שטאָט׳, מ׳האָט עס נישט געזאָגט ׳אין מצרים׳ וואָס ס׳איז מליאה גילולים, אַזוי ווי רש״י זאָגט פון די מכילתא[לג].

[מה שאין כן] ׳די׳ נבואה [של מכת בכורות] האָט מען דאָך אים געזאָגט ביי פרעה׳ן [אין שטוב] דאָרט, ער זאָל נאָך קענען זאָגן פאַר פרעה׳ן עוֹד נֶגַע אֶחָד אָבִיא עַל פַּרְעֹה וְעַל מִצְרַיִם. [והרי שלא היו ב׳ הנבואות בזמן אחד].

**נד**

ואף לחשבון הרמב״ן דמכת חושך היתה בניסן, מ״מ יש סוברין דאזהרת מכת בכורות כבר נאמרה עוד קודם מכת חושך ואין מוקדם ומאוחר בתורה, וא״כ שפיר היתה אזהרת מכת בכורות קודם ר״ח ניסן [ועדיין היה אסור לגלות אז את יום היציאה]

[ועוד דיש אומרים כי] ׳דאָס׳ איז נאָך געווען ערגעץ ׳פאַר׳ מכת חושך מאַכן זיי דעם חשבון[לד] ווען ער האָט דאָס געזאָגט דאָרטן די נבואה [של אזהרת מכת בכורות], – חושך

---

[לב] ופירש רש״י בישעי׳ שם: המאמין דבר זה לא ימהרנה, לא יאמר אם אמת הוא ימהר לבא. – ועיין בויואל משה (ב, קכז. ד״ה ומה) שהוסיף רבינו על זה וז״ל: כי אך האינם מאמינים אומרים שאם דברי הנביא אינו ממהר לבוא הוא ח״ו אינו אמת, אבל המאמין אינו מביא ראיה כלל [מ]מה שאינו ממהר לבוא (ועיי״ש עוד). – וע״ע בדברי יואל פרשת מצורע (עמוד תיא, ד״ה ויתכן).

[לג] ברש״י בתחלת פרשת החודש, בפסוק וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן ״בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם״ לֵאמֹר כתב וז״ל: בארץ מצרים. חוץ לכרך, או אינו אלא בתוך הכרך, תלמוד לומר (ט, כט) כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר וגו׳, ומה תפלה קלה לא התפלל בתוך הכרך לפי שהיתה מלאה גלולים, דבור חמור כזה לא כל שכן. [והוא מדברי המכילתא].

[לד] כעת לא ידענו המקור לזה בדברי המפרשים. וכנראה שכוונת רבינו בזה על הדרוש שאמר בס״ג שבת הגדול תשט״ז [וכבר היה נפוץ אז הקונטרסים דשנת תשט״ז בקרב התלמידים, ועיין בחידושי תורה תשט״ז עמוד שצח-שצט] שמביא בשם הרמב״ן (בא יא, ד) שלכן לא גילה לפרעה באיזה לילה, יען שהיתה עדיין קודם ר״ח ניסן, ועיי״ש מה שמבאר ההסבר תירוץ הרמב״ן בזה למה היה תלוי זה בר״ח [ואגב לפי הדרוש דכאן יתורץ עוד גם זה באופן חדש].

ועכ״פ נמצא כי לדעת הרמב״ן היתה אזהרת מכת בכורות קודם ר״ח ניסן, וקודם אמירת פרשת החודש, ולפי מה שמבאר רבינו שם (וכן בס״ג שבת הגדול תש״כ, ועוד) בכמה ראיות ע״פ דברי הרמב״ן והחוט המשולש, כי ״מכת חושך״ כבר היתה בניסן, אם כן על כרחך צ״ל שמאמר עוֹד נֶגַע אֶחָד וגו׳ היתה לאחר מכת ארבה קודם מכת חושך, עיי״ש היטב. [וקצת סמוכין לזה י״ל, כי באותה נבואה שנאמרה לו עוד נגע אחד וגו׳, נאמר בפסוק שלאחריו

**האָט ער נישט גערעכנט** [ולכן אמר רק עוד נגע "אחד" וגו'], **אויף דעם איז שוין דאָ תירוצים** [למה לא אמר עוד "שני נגעים" וגו'][לה], - [ומשה רבינו] **ער איז שוין מער נישט געגאַנגען** [עוד הפעם לבית פרעה, וכמו שאמר לו] **כֵּן דִּבַּרְתָּ לֹא אֹסִף עוֹד רְאוֹת פָּנֶיךָ** (בא י, כט), **ער איז דאָך מער נישט געקומען צו פרעה'ן, האָט געמוזט געשען די נבואה** [אף בתוך הכרך, ובתוך ביתו של פרעה], **דאָס איז נאָך געווען פאַר מכת חֹשֶׁךְ.**

**ס'איז געווען 'נאָך' מכת אַרְבֶּה איז עס געווען, ווען ער האָט געזאָגט - ס'איז געווען וַיְגָרֶשׁ אֹתָם מֵאֵת פְּנֵי פַרְעֹה** [ואמר פרעה] **- לֹא תוֹסִיף עוֹד רְאוֹת פָּנַי וגו',** [והשיב לו משה] **כן דברת - ס'איז געווען בזמנו**[לו] **"- לֹא אוֹסִיף עוֹד רְאוֹת פָּנֶיךָ, איז דאָך שוין געווען, האָט ער שוין געזען אַז ער וועט שוין מער נישט רעדן מיט אים, האָט ער אים דעמאָלטס געמוזט זאָגן דעם פסוק.**

[ולפי זה אף לפי חשבון הרמב"ן כי מכת חושך כבר היתה בימי ניסן, עכ"ז יש לומר שפיר דאזהרת מכת בכורות, היתה עוד קודם ר"ח ניסן, כי זה היה קודם למכת חושך].

### נה

ולכן לא גילה משה רבינו לפרעה באיזו לילה תהיה מכת בכורות, כדי שלא יתוודע לישראל זמן הגאולה

**נו אָבער ווען ער זאָגט אים** [ווען] **פונקטליך** [באיזו לילה תהיה מכת בכורות], **העט דאָך דער כלל ישראל גיווען געוואוסט אַז 'דעמאָלטס' אין "די נאַכט"** [של ט"ו ניסן], **דעמאָלטס וועט מען אויסגעלייזט ווערן, העט דאָך שוין גיווען געוועזן אַזאַ שמחה אָן אַ שיעור, מ'העט שוין נישט ווען געשפּירט קיין שום עול הגלות אויף זיך, אַז מ'העט געוואוסט** [יום הגאולה].

### נו

ובפרט כי העבודה וקושי השעבוד כבר פסקה להם מתחלת השנה, וכל הגלות היה רק מה שהיו תחת יד מצרים ולא ידעו מתי יגאלו מהם, ואם היו יודעין אז יום הגאולה כבר היו כנגאלין

[ובפרט, דהנה] **"געאַרבעט" האָט מען דאָך שוין נישט, איבערהויפּט** [נישט]. **פון תשרי אָן איז פסקה עבודה שוין** [כי בראש השנה פסקה עבודה מאבותינו במצרים] **(ר"ה יא.).**

---

דַּבֶּר נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ וגו', משמע שזה היה קודם מכת חושך, כי בימי החושך כבר הכינו עצמם לשאלת הכלים כשהלכו בביתיהם וראו היכן מונח כליהם, ומ"מ רש"י לא מפרש כן, כדמוכח בדבריו על הפסוק ויאמר משה כחצות הלילה וגו'].

ומ"מ לעיקר הדרוש דידן אין זה נפק"מ כ"כ אם אזהרת מכת בכורות היתה עוד קודם מכת חושך או לאחריו, רק עיקר הנפק"מ הוא (לפי אופן הא' בישוב קושיא א) שהיתה קודם ר"ח ניסן וקודם אמירת פרשת החודש, (וכן לאופן הב', שהיתה לאחר ר"ח ניסן ואמירת פרשת החודש). אלא שרבינו היה רגיל לפרש בכמה דרושים ולעשות החשבון כי מכת חושך כבר היתה בניסן, ע"כ כדי שלא יסתור דרוש זה את החשבון ההוא לכן מפרש לפי הדרך שאזהרת מכת בכורות היתה עוד קודם מכת חושך (אף שלפי פשטות הכתובים נראה שהיתה לאחר חשך), ואין מוקדם ומאוחר בתורה.

ומ"מ אכתי יש לעיין לפי זה בכוונת דברי רבינו להלן באות נח, דשם משמע דשפיר הולך לפי סדר הכתובים, ושדבריו בדרוש הם לפי האומרים דמכת חשך כבר היתה באדר, וזה סתירה לדבריו שבכאן. אבל נראה כי עיקר דברי רבינו הם להוכיח באיזה אופן כי אזהרת מכת בכורות היתה קודם אמירת פרשת החודש, ועל זה אומר ב' דרכים בדרך ממה נפשך, או נימא דלעולם מכת חושך היתה בניסן, ועכ"ז י"ל דאזהרת מכת בכורות היתה עוד קודם מכת חושך, או דהדרוש דידן יסוב למ"ד דמכת חושך היתה באדר, ולפ"ז שפיר י"ל כסדר הכתובים דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר מכת חושך, ועכ"ז היתה שפיר עוד קודם אמירת פרשת החודש, ודו"ק. (ולאור זה פירשנו כן להלן באות נח).

[לה] עיין בדברי רבינו בס"ג **שבת הגדול תשט"ז** שמתרץ, דשאני מכת חושך שלא היתה מכה חדשה, כי גם במכת כנים כבר היתה משמשת עמה החושך כמבואר במדרש (ספר הפליאה הובא בילקוט ראובני פרשת וארא), אלא שבמכת חושך היתה רק חושך לבד בלא צירוף מכה אחרת. ולכן אמר "נגע אחד" שהוא נגע חדש.

[לו] וכלשון רש"י שם: כֵּן דִּבַּרְתָּ. יפה דברת **ובזמנו** דברת, אמת שלֹא אוֹסִיף עוֹד רְאוֹת פָּנֶיךָ.

KolSatmar.com

אָבער דאָך, מ'איז נאָך געווען אונטער מצרים, האָט מען געוואוסט מ'איז אין מצרים [און] מ'ווייסט נישט וואו מ'האַלט, מ'איז נאָך אונטער זיי, אונטער די רשעים. אפילו מ'לאָזט זיי 'דעכענען' [=לנוח ולפוש], מ'האָט שוין נישט געאַרבעט, אָבער דאָך, מ'האָט נישט געוואוסט וואו מ'האַלט.

[וממילא] ווען מ'העט גיווען געוואוסט פונקטליך דעם זמן, דעם טאָג, העט מען דאָך געווען [בבחינת נגאלים], העט עס נישט גיווען געקאָנט אַריינגערעכנט ווערן אין [חשבון ימי] גלות.

**נז**

ולכן היה זמן היציאה צריך להיות בסוד, והוא מכלל השבועה שלא יגלו הקץ

ממילא האָט עס געמוזט זיין בסוד [שלא ידעו באיזה לילה תהיה מכת בכורות], ס'איז דאָך געווען אַ שבועה [שלא יגלו הקץ במדוייק, לידע באיזה יום] (וכדלעיל אות מו-נב).

**נח**

**ענין הנזכר קצת בחשבון אחר**

גם י"ל דלעולם היתה אזהרת מכת בכורות אחר מכת חושך, אלא שהדרוש יהא סובב לפי מ"ד דחושך היה באדר ולא בניסן

נאָר דעס פונקטליך ווייסט מען אויך נישט [אימתי היתה מכת חושך, דהנה] מכת חושך איז דאָ דיעות (רמב"ן בא י, ד) אַז ס'איז געווען טאַקע אין ניסן געווען שוין אויך, [ולפי פשטות סדר הכתובים דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר מכת חושך] קומט דאָך אויס[לז], 'דאָס' [נבואת מכת בכורות] איז געווען אַ שפּעטערע מימרא [מן נבואת הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם], דאָס [קידוש החודש] איז נאָך פריער געווען [בר"ח ניסן], נאָר אין פסוק שטייט עס הערשט דעמאָלטס [אחר עוֹד נֶגַע אֶחָד].

[אָבער על כל פנים, לפשטות סדר הכתובים דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר מכת חושך, אז י"ל] מ'שמועסט [לדרכינו] אויף 'דעם אופן', לויט די וואָס זיי מאַכן דעם חשבון - אַז דאָס [אמירת עוד נגע אחד] איז געווען פריער [לקידוש החודש], - [כי מכת] ארבה [ומכת] חושך דאָס איז געווען אין אדר[לח], קען מען זאָגן אַזוי, האָט מען דאָס נישט מגלה געווען [באיזה לילה תהיה מכת בכורות], פאַרוואָס, וואָרן ס'האָט נאָך געברויכט צו זיין אַ חשבון פונעם גלות [שלא לידע זמן קץ הגאולה עד ר"ח ניסן, ואזהרת מכת בכורות היתה בחודש אדר לפי ר"ח ניסן].

**נט**

**המשך ההקדמה לישוב קושיא א - באופן א**

וכל זה בפרשת מכת בכורות, שם עדיין היה אסור לגלות יום היציאה,

אבל כשבא ר"ח ניסן אז הגיע הזמן לומר לישראל את יום הגאולה בדיוק, וכמפורש בפרשת החודש

ווען הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט די פרשה פון "החודש", מ'האָט זיי שוין געהייסן ברענגען אַ קרבן פסח, מ'האָט זיי שוין דערציילט ס'איז ראש חדשים, אַז

---

[לז] כנראה שכאן מיירי לפי פשטות הכתובים, דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר מכת חושך. ודלא כמו שנדחק לעיל דהיתה קודם מכת חושך.

[לח] כן כתב בספר חוט המשולש (פרשת בא, שער אשר) שעושה שם חשבון דמכת חשך היתה בתחלת חודש אדר, ורבינו מביא דבריו בס"ג שבת הגדול תשט"ז, ועוד בכ"מ. (אלא שבדרך כלל רבינו מפלפל על דבריו לעשות החשבון שמכת חושך היתה בניסן, אבל כאן לפי הענין של דרוש זה, יש לפרשו שפיר גם לפי דרך החוט המשולש).

דער חודש ניסן איז דער "חודש" הגאולה, איבערדעם הייסט דאָך עס "ראש" אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט.

[און] עקסטערדעם זאָגט מען דאָך אַרויס [ווייטער] אין פסוק [גם יום הגאולה], אַז מ'זאָל נעמען אַ קרבן פסח [וְהָיָה לָכֶם לְמִשְׁמֶרֶת עַד אַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְשָׁחֲטוּ אֹתוֹ וגו'] און דעמאָלטס [בלילה שלאחריו] וועט זיין מכת בכורות [כדכתיב וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה וְהִכֵּיתִי כָל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם], און אידן וועלן אַרויס [ביום ט"ו, כדכתיב] וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַיּוֹם הַזֶּה [לְדֹרֹתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם], [וְהָיָה הַיּוֹם הַזֶּה לָכֶם] לְזִכָּרוֹן, מ'זאָל געדענקען [וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת] כִּי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה הוֹצֵאתִי אֶת צִבְאוֹתֵיכֶם, אַז אין דעם "טאָג" איז מען אַרויס, [ולכן] וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַמַּצּוֹת וגו', מ'זאָל געדענקען [את היום הזה].

[ונמצא דבפרשת החודש] האָט מען שוין 'אַרויסגעזאָגט פונקטליך' "דעם טאָג" פון די גאולה.

## ס

ומר"ח ניסן ואילך באמת כבר נחשב לישראל שהם כאילו נגאלים, כי כבר בא הזמן לזה

קומט אויס, פון ראש חודש ניסן אָן האָבן שוין אידן זיך געפינען [אויסגעלייזט], האָבן זיי זיך שוין געפינען, זיך געשפירט "נגאלים", זיי האָבן שוין געוואוסט פונקטליך [אַז] דעמאָלטס אין 'דער' נאַכט וועט מען אַרויס פון גלות.

## סא

### ישוב קושיא א - באופן א

אבל משה רבינו עצמו לא ידע זאת מקודם, אם כבר הגיע הזמן לפרסם יום היציאה לכל ישראל, ועל כן חשב דאפשר ימתין עד בעשור לחודש מלומר להם פרשת החודש

נו משה רבינו [לא ידע אם יוכל לומר פרשת החודש לישראל מיד, שהרי] מ'האָט דאָך דאָס נישט געקענט וויסן אַז מ'מעג דאָס [מגלה זיין], אפשר ברויך מען נאָך סובל צו זיין עול גלות [גם בהימים שלאחר ר"ח], ברויך מען נאָכנישט צו וויסן [יום הגאולה].

[כי אפשר] ס'ברויך זיין אַ פלוצלינגע זאַך, אַזוי ווי ס'וועט זיין לעתיד פִּתְאֹם.

## סב

ולזה הודיע לו הקב"ה צא ואמור להם "מיד", כי כבר הורשה לפרסם זאת לישראל

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט ניין, ס'איז שוין די צייט, ראש חודש ניסן מעגסט דו שוין מגלה זיין.

איבערדעם זאָגט ער וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם "לֵאמֹר" זאָגט ער "מיד" תיכף, דאָס איז דער "לאמר".

## סג

### ישוב קושיא ב

ומה שדרשו זאת מתיבת "לאמר", הוא יען כי אף שפסוק ראשון ושני הם ב' מצות, מכל מקום היה יכול הכתוב לכוללם בהקדמה אחת, שיתחיל דברו אל כל עדת ישראל לאמר החודש הזה לכם וגו', ובעשור לחודש ויקחו וגו'. ועל כן מדלא ערבינהו ותנינהו, מיותר תיבת "לאמר" הראשון, לדרוש שיאמר כל הפרשה מיד בראש חודש

[והנה לכאורה] ממה נפשך, ווען מ'וויל עס אויך זאָגן פאַר אידן, העט דאָך געקאָנט שטיין [קודם] דער "דברו אל כל עדת בני ישראל" [ואחר כך] החודש הזה לכם ראש חדשים, און ממילא [ימשיך אח"כ, בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ הַזֶּה] וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית

**אָבוֹת. וואָס דאַרף ער וואַרטן מיט דעם "דברו"** [עד פסוק השני. דאף שהם שתי מצות, קידוש החודש וקרבן בפסח, היה יכול לכוללם כאחד, כיון שנאמרו בפעם אחת].

**נאָר אַז ס'שטייט ווען** [כך, הכל ביחד], **דעמאָלטס העט איך נישט גיוועוען געוואוסט אַז מ'מיינט "מיד", העט איך געקאָנט מיינען** [כפשוטו, כי] **"דברו" איז 'דעמאָלטס'** [בעשור לחודש].

**איבערדעם האָט ער דאָס צוטיילט** [אלו הב' מצות, ודברו אל כל עדת ישראל נכתב בהשניה ולא בהראשונה, ובהראשונה] **'דאָ' זאָגט ער דעם "לאמר", תיכף זאָגט ער "לאמר", מ'זאָל וויסן אַז "מיד"** [בראש חודש יאמר כל הפרשה, ואינו תלוי האמירה בזמן של בעשור לחודש הנזכר בפסוק השני לענין לקיחת השה, כמו שהיה סלקא דעתא דמשה שלא להקדים אמירתו כדי שלא לגלות יום הקץ לפני זמנו, ווייל] **ס'איז געקומען די צייט מ'מעג מגלה זיין.**

### סד

והטעם שבאמת צוה לומר "מיד", כי רצה הקב"ה שכל החודש אף מתחלתו יהא נחשב לימי גאולה

[והטעם כי מתחילת חודש הגאולה כבר הגיע הזמן] **אידן זאָלן טאַקע שפּירן זאָלן וויסן אַז ס'איז שוין די גאולה, מיט 'דעם'** [בהודעת זמן הקץ] **איז שוין געוועוען דעמאָלטס** [בראש חודש ניסן] **פאַרטיג דער ענין** [של סֵבֶל עול הגלות בזה], **די שמחה** [של ידיעת זמן הגאולה כבר הגיעה זמנה, כי מראש חודש ואילך כבר ראוי לגאולה, וכמו שאומרים] **הַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת, ס'רינגלט אַרום**[לט]**, פון תחילת חודש אָן האָבן זיי זיך שוין געשפּירט נגאלים, איבערדעם זאָגט ער "מיד", זאָלסט 'שוין' זאָגן.**

### סה

**הקדמה לישוב קושיא א (באופן ב) - ובו ישוב הקושיא דפרשת בא (באופן ב)**

**לדעת הסוברים דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר ראש חודש ניסן**

דלדידהו צריך תירוץ אחר על מה שלא גילה לפרעה באיזו לילה תהיה המכה,
דהא כבר היה זה אחר ראש חודש בשעה שכבר נתוודע לישראל יום היציאה

**נאָר לויט די וואָס זיי זאָגן**[מ] **אַז דאָס איז געוועוען, די מימרא** [עוֹד נֶגַע אֶחָד] **איז געוועוען שפּעטער** [מאמירת החודש הזה שהיתה לאחר ר"ח ניסן], **און מכת חושך איז געוועוען שפּעטער** [בימי ניסן], **און אַרְבֶּה**[מא], [דלפי זה נמצא כי פרשת החודש] **'דאָס' איז געוועוען אַ פריערדיגע מימרא** [קודם הפרשה דאזהרת מכת בכורות, ואין מוקדם ומאוחר בתורה].

---

[לט] מתחלת החודש. ועל דרך לשון הכתוב (תשא לד, כב) וְחַג הָאָסִיף "תְּקוּפַת" הַשָּׁנָה, וכפירש"י שם: תקופת השנה. שהוא בחזרת השנה, בתחלת השנה הבאה.

[מ] עיין באורך בס"ג שבת הגדול תשט"ז ותש"כ, שמבאר רבינו החשבון כך, על פי דעת הרמב"ן (בא ??), שמכת חושך כבר היה בניסן.

[מא] כי לדעת הרמב"ן (בא י, ד. שחולק על האבן עזרא שם ה, שאמר כי ארבה היה באדר, וכתב הרמב"ן) כי ברד היה באדר, משמע לכאורה כי גם ארבה היה בניסן וגם חושך (ארבה בשבוע ראשונה של ניסן, וחושך בשבוע השניה, ושבת הגדול היתה באמצע מכת חושך, וכמבואר בדרושי רבינו לשבת הגדול).

וכוונת רבינו כאן נראה גם כן דהוא בדרך ממה נפשך, חדא דלפי פשטות הכתובים דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר מכת חושך, ולפי החשבון שחושך היה בניסן, א"כ על כרחך היתה אזהרת מכת בכורות לאחר אמירת פרשת החודש הזה, וא"כ א"א לומר כדרוש דלעיל. ועוד דאפילו נימא כפי הדיעה דלעיל דלעולם אזהרת מכת בכורות היתה עוד קודם מכת חושך (דלא כפשטות הכתובים) דהיינו לאחר מכת ארבה, הרי משמע דעת הרמב"ן דאפילו מכת ארבה כבר היתה בניסן. וע"כ בא רבינו לומר באופן אחר, באופן שיותאם גם לפי הצד דאזהרת מכת בכורות היתה לאחר אמירת פרשת החודש.

KolSatmar.com

[ולפי זה אי אפשר לתרץ כדלעיל על הא דלא גילה לפרעה מתי תהיה המכה, כדי שלא יתוודע לישראל יום היציאה, דהלא אזהרת מכת בכורות היתה לאחר ר"ח כשכבר נתגלה להם זמן היציאה][מב].

[לדרכם] קען זיין אַזוי [באופן אחר בישוב הקושיא דבפרשת בא מה שלא גילה לפרעה באיזה לילה תהיה מכת בכורות, ועל פי זה יתורץ גם קושיא א באופן אחר].

**סו**

בשבת הגדול כשקיימו ישראל מצות לקיחת השה במסירת נפש, אז זכו להנס
דשבת הגדול שהבכורים לחמו עם המצריים והרגו מהם, וישראל ניצולו מהם

ס'שטייט דאָך ס'איז געווען אַ גרויס 'מסירת נפש' פון אידן מיט דעם קרבן פסח, [כדכתיב] לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם (תהלים קלו, י), זיי האָבן זיך געשלאָגן די בכורים [עם שאר המצריים], די בכורים אַליין האָבן גע'הרג'עט פון זיי. [ומבואר במדרש[מג] שגם עם ישראל לחמו, והיה להם נסים להנצל מן הבכורים, ולפ"ז מה שגילו להם ישראל ענין מכת בכורות, היה בזה ענין של מסירת נפש].

**סז**

ונמצא שרק משבת הגדול ואילך ידעו המצריים מענין מכת בכורות,
אף שלפרעה עצמו כבר גילה לו לפני זה (ולדרכינו עתה היה זה לאחר ר"ח אבל קודם שבת הגדול)

[ועכ"פ נמצא] זענען 'זיי' [הבכורים] דאָך דאָס געוואָר געוואָרן [ענין מכת בכורות] הערשט [אום] **שבת** [הגדול, ביום י' ניסן].

און לעולם האָט ער דאָך עס פאַר פרעה'ן דאָס מודיע געווען נאָך פריער, [שיהיה] וּמֵת כָּל בְּכוֹר. [ואיך לא נתוודע מזה להבכורים עד שבת הגדול].

**סח**

ומה שפרעה לא גילה להם מענין מכת בכורות, זה היה יען כי לא אמרו לו באיזה לילה תהיה, וע"כ חשב שיש לו עוד זמן לזה

נאָר מ'האָט אים [פרעה] נישט געזאָגט 'ווען', האָט ער נאָך אַלץ געקלערט [אז] ער האָט נאָך צייט ער זאָל דאגה'נען. [והיה זה בבחינת] מַשְׂגִּיא לַגּוֹיִם וַיְאַבְּדֵם[מד] (איוב יב, כג). [ולכן לא גילה מזה להמצריים (כהמשך דלהלן אות ע)].

**סט**

ואפשר שזהו גופא הוא טעם על שלא גילה לו באיזה לילה, כי זה היה מכלל הכבדת לבו

אפשר האָט דאָס גיקערט צום הכבדת הלב, מ'האָט אים נישט געגעבן נאָך קיין געלעגנהייט ער זאָל שוין וויסן, ער זאָל זיך נישט באַרעכענען נאָך.

**ע**

און ער [פרעה] האָט עס נישט אויסגעזאָגט נאָך פאַר זיי [להמצריים, אף עצם הענין של מכת בכורות].

נאָר אין **שבת** [הגדול] זענען זיי געוואָר געוואָרן די בכורים [ממכת בכורות, ממה ששמעו מבני ישראל], איז געוואָרן צווישן זיי אַ גרויסע הריגה.

---

[מב] וכל שכן לפי פשטות הכתובים דגם אזהרת מכת בכורות היתה 'לאחר' מכת חושך, אם כן כבר היזה סמוך יותר לחג הפסח, לפי החשבון שמכת חשך כבר היתה בשבוע השני שבניסן.

[מג] כן הובא בדעת זקנים לבעלי התוספות (בא יב, ג) בשם המדרש וז"ל: וכשראו המצרים כשלוקחין הפסחים לשחוט נתקבצו עליהם להרגן, כי יראתן של מצרים היה בהמות, ועשה להם הקב"ה נס וניצולו, ולכך קרוי שבת הגדול מפני גודל הנס.

[מד] עיין רש"י פרשת בשלח (יד, ב).

KolSatmar.com

עא

איבערדעם האָט מען נאָך פאַר פרעה'ן נישט מְגַלֶה געווען "דעם טאָג" [כדי להכביד את לבו ולהטעותו שיש עוד הרבה זמן, על דרך מַשְׂגִּיא לַגּוֹיִם וַיְאַבְּדֵם, וכדלעיל].

[ועוד כדי שעי"ז לא יגלה מזה כלום להמצריים, וכשיתוודעו אח"כ בשבת הגדול יהא נעשה מזה נס הגדול לישראל, והריגה גדולה בין המצריים] (וע"ע להלן אות עה-עז).

עב

ישוב קושיא א - באופן ב

לדרכינו עתה, הלא ישראל כבר ידעו מראש חודש ניסן הזמן של מכת בכורות,
ולפרעה והמצריים לא רצה הקב"ה לגלות עד בעשור לחודש

[אָבער] אידן האָבן שוין געוואוסט דעס [מיום ר"ח ניסן, כשנאמרה להם פרשת החודש].

לויט 'דעם חשבון' [שבאופן השני דכאן], האָבן שוין אידן יאָ געוואוסט [מן ליל מכת בכורות ויום היציאה].

עג

ועל כן היה סברא שלא יאמר לישראל פרשת החודש מיד,
דשמא יתוודע מזה גם לפרעה. על כן הוצרך לצוות לו להדיא שיאמר "מיד"

איבערדעם איז עס אַ רבותא אַז ער זאָגט "מיד" [והוצרך הכתוב להודיע זאת למשה ביתור אומרו "לאמר"].

וואָרן דער בורא כל עולמים [לא רצה עדיין לגלות לפרעה שהמכה תהיה בזמן קרוב], פאַר פרעה'ן האָט מען דאָך נאָכנישט געהייסן אויסזאָגן [באיזו חצות לילה ימותו הבכורים, כדי להכביד עוד את לבו, ועל כן חשב משה שעדיין לא יאמרנו לישראל מיד, כדי שלא יתוודע עי"ז גם לפרעה].

[ולזה] זאָגט ער נײַן, ["לאמר"], פאַר אידן זאָלסט דו אָבער [צא ואמור להם] "מיד", אידן זאָלסט דו 'שוין' זאָגן, אידן ברויכן זיי זאָלן 'שוין' וויסן.

עד

אבל לעולם פרעה והמצריים לא נתוודעו מזה עד שבת הגדול, שאז זכו לנס בזכות המצוה והמסירת נפש

[אבל] פרעה האָט נאָכנישט געוואוסט [באיזו לילה תהיה המכה, און] די מצריים האָבן נאָכנישט געוואוסט [מענין מכת בכורות בכלל], זיי זענען הערשט געוואָר געוואָרן [אום שבת ווען מ'האָט עס אָנגעבינדן [השה לכרעי המטה, ואירע] דעס נס [דשבת הגדול, בזכות וואָס] זיי האָבן געהאַט דעס "מסירת נפש" [לקיים מצות לקיחת השה בעשור לחודש], האָבן זיי זוכה געווען [להנס, וממילא] האָט שוין פרעה אויך [געוואוסט דעם טאָג], ווייל ס'איז געווען הריגות [על ידי מה שישראל גילו להבכורים והמצריים ענין מכת בכורות וזמנה, עד שנתוודע מזה גם לפרעה].

עה

ישוב הקושיא דפרשת בא - באופן ג

לעולם שפיר ידעו גם הבכורים מעצם ענין מכת בכורות, וכמו פרעה, אלא שלא ידעו "זמנה" ועל כן חשבו שיש להם עוד זמן הרבה, וידיעת זמנה בשבת הגדול שהיא קרובה לבוא זה גרם להם לעשות מלחמות, ולכן לא גילה לפרעה זמנה קודם שבת הגדול, כי עד שעשו המצוה במסירת נפש עדיין לא היו ישראל ראויים לנס זה

[ולפי זה יש לומר כי] אפשר[מה] [דלכן] האָט מען נישט געוואָלט [שידע פרעה באיזו לילה, ביז] הערשט [בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ, כדי] די הריגות מיט די בכורים זאָלן זיך הערשט אָנהייבן

---

[מה] בטעם על מה שלא גילה לפרעה מתחילה באיזה לילה.

KolSatmar.com

דערנאָכדעם, ווען אידן האָבן שוין מקיים געווען די מצוה, זיי האָבן שוין געקויפט די קרבן פסח און מקבל געווען די מצוה פון קרבן פסח [במסירת נפש (כדלעיל אות סו)], דערנאָך הערשט האָבן זיי 'זוכה' געווען [להנס דהריגת בכורים, 'בזכות' המצוה והמסירות נפש], וואָרן פון דעם אויס האָט מען זיך דאָך שוין געשלאָגן די בכורים, און זיי האָבן זיך שוין גע'הרג'עט.

[ואלמלי] ווען זיי וויסן דאָס פריער [זמן מכת בכורות], העט זיך עס נאָך פריער גיווען אָנגעהויבן [מלחמת הבכורים], און ס'איז נאָכנישט געווען אויף דעם די צייט [שיארע נס הגדול לישראל], איבערדעם האָט פרעה נאָכנישט געוואוסט [באיזו לילה], פרעה מיט זיינע בכורים האָבן נאָכנישט געוואוסט "ווען" דאָס וועט געשען, [נאָר באופן כללי אַז] ס'וועט זיין[מו], [אָבער] מ'האָט געקאָנט קלערן ס'וועט זיין ערגעץ 'אין יאָרן אַרום', קען זיין האָט ער געקלערט ס'וועט נאָך חלילה עפּעס נשתנה ווערן ביז דעמאָלטס, אָבער על כל פנים דאָס איז נישט אַזוי 'שוין'. [ועל כן לא לחמו הבכורים קודם שבת הגדול].

עו

אַזוי איז דאָך דער דרך, אויף אַ זאַך וואָס ס'איז נאָך ווייט קלערט מען דאָך, מ'איז נישט דערשראָקן, [מה שאין כן] אויף אַ זאַך וואָס ס'איז 'שוין' טאַקע, איז מען מער דערשראָקן.

עז

[ועד בעשור לחודש] ס'איז נאָכנישט געווען דער זמן פון דעם.

די "גאַנצע" נקמה אַז מ'זאָל טאַקע שוין [אַרויסגיין לחירות], דעס איז הערשט געווען ביי מכת בכורות, צום סוף [בליל ט"ו].

און פון שבת אָן, פון שבת הגדול אָן האָט זיך עס "אָנגעהויבן", דעמאָלטס איז געווען לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם.

[אבל קודם שבת הגדול, ואפילו לאחר ראש חודש, עדיין לא הגיע הזמן להנס של מלחמת הבכורים עם המצריים והצלת ישראל מהם, ועל כן] ביז דעמאָלטס האָט ער נאָכנישט געוואוסט פרעה פון דעם גאַנצן, האָט מען אים נאָכנישט מגלה געווען [באיזו לילה תהיה המכת בכורות].

עח

**ישוב קושיא א - לפי אופן ג**

ולכן היה סברא שלא לומר "מיד", כדי שלא יתוודע מזה להמצריים ויקדימו הבכורים ללחום קודם שבת הגדול כשעדיין לא היה להם לישראל זכות המסירת נפש ומצות הלקיחה

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, כאָטשיג **פאַר פרעה'ן** דאַרף מען נישט זאָגן [כדי שלא יקדימו הבכורים את מלחמתם לפני עשור לחודש], אָבער **פאַר אידן** זאָלסט דו שוין זאָגן, אידן האָבן שוין געוואוסט פון ראש חודש ניסן. [צא ואמור להם] "מיד".

איבערדעם שטייט וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם "לֵאמֹר", אידן זאָל מען "שוין" אויסזאָגן.

---

[מו] כי לאופן זה שפיר יש לומר דגם הבכורים כבר ידעו מעצם המכה של מכות בכורות, רק שלא ידעו הזמן, והם ופרעה היו שניהם בידיעה אחת, וגם בהטעאה אחת לחשוב שיש להם עוד זמן הרבה. ומה שנתוודעו בשבת הגדול, הוא ידיעת "הזמן" של המכה ושהוא קרובה לבוא, וזה עורם ללחום נגד פרעה והמצריים.

עט

## ברכת הקודש

**דער אייבירשטער זאָל משמח זיין לבבות בני ישראל.**

**היצט טאַקע ווען מ'קום מיר אַריין אין דעם הייליגן חודש אשר ישועות בו מקיפות, אידישע הערצער, צובראָכענע הערצער, זיי וואַרטן אויף ישועת ישראל און אויף די גאולה.**

**השם יתברך זאָל זיך מרחם זיין על עמו ישראל, ס'זאָל נתעורר ווערן דורך די זמנים טאַקע די ימי הגאולה.**

**דער בורא כל עולמים זאָל דערפרייען אידישע הערצער.**

**דער בורא כל עולמים זאָל דערלייכטן אידישע אויגן, מ'זאָל די זכיה האָבן מ'זאָל מיר זען דעם אמת.**

**מ'זאָל דבוק זיין אין בורא כל עולמים.**

**מ'זאָל זוכה זיין וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים.**

**מ'זאָל זוכה זיין צו זען די גאולה שלימה ואמיתית, אין דעם חודש הגאולה.**

**מ'זאָל מיר במהרה, ס'זאָל זיין טאַקע 'דער' ניסן, בניסן עתידין להגאל, דאָס וועט דאָך נאָר זיין אין אַ חודש ניסן, דער בורא כל עולמים זאָל העלפן טאַקע אין 'דעם' חודש.**

**הגם כ'האָב געזאָגט אַז מ'קאָן שטעלן דעם חודש אַלעמאָל, אָבער לְמַעֵט בְּנִיסָא עָדִיף**[מז]**, אַז ס'וועט טאַקע זיין אין אמת'דיגן** [זמן] **ווען ס'איז טאַקע אין חודש ניסן איז מֶערֶער** [מסוגל].

**על כל פנים דער חודש איז אַמאָל אַ חודש המסוגל לגאולה, זאָל מיר די זכיה האָבן מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען די גאולה שלימה.**

**מ'זאָל מיר געהאָלפן ווערן טאַקע אין 'דעם' חודש ניסן.**

**מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען ישועת השם יתברך און ישועת כל ישראל ושמחתן, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.**

---

[מז] עיין **רמב"ן** (נח ו, יט): ועוד עשו אותה גדולה [לתיבת נח, כדי] לְמַעֵט בנס, כי כן הדרך בכל הנסים בתורה או בנביאים, לעשות כל אשר ביד האדם לעשות והשאר יהיה ביד שמים.

ועיין **רבינו בחיי** (שם): כי דרך התורה לצוות על האדם שיעשה כל יכלתו בדרך הטבע, ומה שיחסר הטבע בהן ישלים הנס. וע"ד זה תמצא בכל הנסים בתורה אם תסתכל בהם, כי אע"פ שהם נסים מפורסמים יש בהם טבע במקצת, וזהו כענין שתצוה התורה באנשי המלחמה שיצאו חלוצים לצבא וכו'. ומאחר שכל עניני מלחמותיהם של ישראל היו ע"י נסים גדולים מה יצטרכו למארב כמנהג האומות, שמלחמותיהם נמשכות אחר הטבע, אלא בודאי היו ראוים להתנהג בדרך הטבע, וה' ישלים מה שיחסר. (וע"ע בזה בהקדמתו לפרשת שלח).

**והבית יוסף** בספר מגיד מישרים (פרשת משפטים) כתב: שכל מה שאפשר שלא לשנות הטבע עושה הקב"ה, מפני שהטבע שלוחו של הקב"ה ואינו רוצה לשנותו היכא דלא אפשר.

KolSatmar.com